


COLUMBIA
UNIVERSITY
LIBRARIES

הה הקטנה ... ודודתו הצנועה חשובה

והבתולה ... פערל ... דודי

... הקטנה ...

הקטנה פערל דמשה !

הקטנה פערל דמשה

דיזער חנה געהערט און דיזי פרוינ. ...

דיזער חנה ...



דיזע אלול תחינ'
וואר אינגעזעצט צו פינד'
איטש פון ראש ה"ש
אונ' פון יום כיפור
אויך פון סוכת אונ'
הושענה רבה אויך
ארץ ישרא' תחינות
ומזכיר נשמות או
תחינה על הפרנסה
איז אנגעהעריג אן
האשה פייערל בת
כה"ה פנחס ז"ל:

דיזע
תחינה
אשפר
פטרטינ
ווארבן
דורך כ'
יעקב
סג"ל

פה
פאקש
יוסג
כ"ד בו
בר"ח אב
בשנת
תקפ"ח
לפ"ק

General MS. 286 Vault

רעגיסטער

די זאל תחינה זאגט מאן גאנץ ראש חדש אלול

רבונו של עולם הער פון דיא גאנצי וועלט איך
קום פר דיר בעטן מיט ביטרן הערצן אונ'
מיט צו בראכן גמיט' מיט דעמוטיגקייט מיט אונ"
טֶרְטֶעניגקייט' איך ווייס מיר גאר קיין עֵיצָה צו
געבן' וואז איך זאל טאן צו דעם נייען יאר' וואז דא
אהער קומט' צו דעם יום הַדִּין הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא דען
אונזרי חֲכָמִים האבן מְתַקֵּן גיוועזן עטליכע טאג פר
ראש הַשָּׁנָה פרוא אויף צו שטין מיט גרוסי תְּפִלּוֹת
וּבַקָּשׁוֹת דז זיא זאלן אן גינומן זיין פר הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ:
אבר זיא האבן גימיינט זאלכי צייט וואז דא זיין ריין פון
זינד' דיא דערפן פריי' בעטן צו גאט' ער זאל זיא געבן
איהר בדערפנים' אונ' ניט אזו איין מענטש וויא איך בין
פולר זינדן' וויא קאן איך מייני אויגן אויף היבן צו ביטען
צו השם יִתְבָּרֵךְ אום מיין בדערפנים פון דיר' ווייל דיא

בדערפֿניס פֿון איין מענטן דיין גאר פֿיל אוז איך האב ניכט
פֿרדינט דאז מינדסטע · אזו האב איך מיך דאך דרוואגן
מיט גרוס מיא אונ׳ ציטרניס צו ביטן פֿאר דיין הייליגן נאמן
איך וויס אבר ניט וואז איך זאל טאן · מיט וואז איך
זאל איברבעטן דיין הייליגן נאמן · צו פֿרגעבן מייני זינד
וואז שון לאנג איבר פֿאקן זיין · מיט וואז זאל איך דיך
בווייגן · ווען איך קען דיך בווייגן מיט תְּשׁוּבָה
דוא ליבר גאט · אזו טוא איך היינט צו דיר -
ווידר קערן · פֿון מיינע בייזע געדאנקן אונ׳ ווערק
ווען איך קען דיך בווייגן מיט וִידוּי זאגן אזו טוא
איך בקענן צו דיר גאט · מייני עלטרן אוז איך
האב גיזינדיגט אונ׳ גישולדיגט אונ ווידר שפעניגט
קיגן דיר · אבר דוא ביזט בארמהערציג · אונ׳ פֿר
גיבסט דיא זינד צו דיא לייט דיא דא צו פֿאר
דיר קומן מיט תְּפִלָּה אונ׳ טואן פֿאר דיר ווידר
קערן מיט גאנצן הערצן · ביזטו דיא גלייך מוחֵל

אונ׳ מיך ארם וויב פייערל בת לֵאָה וואז קומן מיט
גיבעט פר דיר מיט ויינן אונ׳ זיפצן אויף מייני ביטר
זינד׳ דען דוא ביזט אזו מיין גאט דז מן ניט ברויך צו
דיר צו טרייען׳ וויא אֵלִיָהוּ הַנָבִיא גיזאגט האט׳ צו
דיא פאלשי נְבִיאִים׳ טרייעט צו אייערי אבגעטר
פיליכט ווערן דיא אייך הערן׳ אבר אונזר גאט נעמט פר
ליב אונזר לאנגזום גיבעט׳ אונ׳ דיא צו ברוכני הערצר
אזו גלוסטו אויך פר דיר נעמן אין דיא צייט אזו די׳
בטריבטע הערצר׳ דען דוא וייסט וועלכי הערצר בטריבט
אונ׳ וועלכי צו בראכן זיין׳ ליבר גאט איך בקען ניכט
איין מאל אין טייל פון מייני זינד׳ עז וואר רעכט אונ
ביליך׳ אוז איך אל מייני זינד בקענן זאלט׳ אבר איך
שעמט מיך דיא צו רידן׳ אונ׳ איין טייל האב איך פר־
געסן׳ דרום ביט איך אום מְחִילָה וּסְלִיחָה וְכַפָּרָה
אויף מייני חֲטָאִים אונ׳ ביזע מַעֲשִׂים וואז איך
גיטאן האב אין מיין לעבטאג אמן

רבש״ע נאך מיין בקענן נאר׳ וואז איך איצונד
בקענן׳ אזו בעט איך דיך דוא זאלסט
דיך לאז פאטר ליבר מיר דרבארמן׳ איך ביט דיך
זיי דוא אויך זאלסט זיין מיין מְלִיץ יוֹשר ביים
דעם מִשְׁפָּט. דען איך ארים ווייב׳ וועלט גערן האבן
עוֹלָם הַבָּא אונ׳ מיט מייני מַעֲשִׂים האב איך
עז גוויס ניט פֿרדינט׳ אונ׳ איינס אָהני דעם אנדרן
קאן ניט זיין וויא אין דר תּוֹרָה שטיט אם אֵין –
קֶמַח אֵין תּוֹרָה׳ איבר דיא ביטרע פַּרְנָסָה קאן
איך דען ליבן גאט ניט דינן׳ אונ׳ איך וועלט גערן
האבן אלי בֵּידע׳ וייס איך ניט וויא איך זאל בעטן
פֿר דיין הייליגן נאמן אוז מיין תּפלה זעלט אן גינומן
זיין׳ אזו וויל איך אן היבן צו בעטן דורך זְכוּת
אָבוֹת זאל מיר בייא שטין בייא דעם יום הַדִּין׳
אזו ביט איך דיך׳ הער פֿון דיא גאנצי וועלט יטוא

מיר עפנין דיא טארן פֿון הימל אונ ווי דוא האסט געפֿנט
צו דיא יִשְׂרָאֵל ווען דיא זיין גישטאנדן בייא דעם בערג
סִינַי. אונ האבן דיא תּוֹרָה מְקַבֵּל גיוועזן · דאז זעלביג
מאל האסטו גיעפֿנט אלי הימלן אונ האסט דיא גוויזן
אז דוא ביזט יָחִיד וּמְיֻחָד אין אלי עוֹלָמוֹת אויך
זאלסטו אונז עפנין דיא הימלן צו אונזרי תְּפִלּוֹת
מיט ווינן אונ הייסי טרערן · אז וויא דוא האסט
אן גינומן דיא טרערן פֿון דיא מַלְאָכִים וואז דא
האבן גיוויינט ווען אונזר פֿאטר אַבְרָהָם האט
זיין זון יִצְחָק צו דיא עֲקֵידָה גיבראכט · האבן די
מַלְאָכִים געשטורמט דאז יָם הַגָּדוֹל מיט ·
איהרע הייסע טרערן · אונ ער האט זיינן ניט
קענן שעכטן · אזו זאלן אויך מייני טרערן פֿאר
דיר קומן צו דעם נייען יאהר · אונ דער מַלְאָךְ:

וואלז מיט יַעֲקֹב איז גיגאנגן וויא ער האט גינומן דיא
בְּרָכוֹת פון זיין פאטר יִצְחָק האט זיך יַעֲקֹב זער
גיפארכטן איז איין מַלְאָךְ מיט איהם גיגאנגן
דער מַלְאָךְ זאל אויך מיין מֵלִיץ זיין ווען איך ווער
קומן צום מִשְׁפָּט׳ אויך דיא מַלְאָכִים דאש דא
האבן גשטריטן מיט עֵשָׂו וויא ער איז גאנגין
קיגן זיין ברודר יַעֲקֹב אונ׳ זיא האבן איהם מְנַצֵּחַ
גוועזן׳ מיט זיין גאנצי מַחֲנֶה דיא זאלן אויך זיין
מְנַצֵּחַ מייני מְקַטְרִיגִים בייא דען מִשְׁפָּט אונ׳
דער מַלְאָךְ וואש דא איז גישטאנדן צו העלפן -
דָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם וויא ער איז פאר
שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ אַנטלאפן אונ׳ האט איהם אום
גרעגלט מיט פיל פאלק׳ אונ׳ האט איהם וועלן
דרשלאגן האשטו איהם געשיקט איין מַלְאָךְ אונ׳
האסט איהם לאשן זאגן׳ וויא דיא פיינד זיין גיפאלין
אין זיין לאנד הריין׳ אזו איז ער אנטלאפן אונ׳ איז

בשערמט וואָרן׳ אזו זאָלסטו מיך אויך בשערמן פֿון דיא
מְקַטְרִיגִים ביי׳ דעם מִשְׁפָּט אונ׳ אונזר מִשְׁפָּט זאָל
אויז גין רעכטפֿערטיג פֿאַר דיר׳ דרום וואַרטן איך זאָל דיך
קענן דינן מיט לייבשאַפֿט׳ אונ׳ מיט גאַנצן הערצן׳ אויך וויא
דוא האָסט גיהאָלפֿן אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה וויא זיא איז
גיגאַנגן פֿאַר אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ בעטן פֿר כָּל יִשְׂרָאֵל
האָסטו גשיקט איין מַלְאָךְ דער האָט גימאַכט
דאז אֶסְתֵּר האָט חֵן בקומן אין מֶלֶךְ זיין אויגן
אזו זאָלסטו לייבר גאָט אויך שיקן גוטע
מַלְאָכִים צו אונזר מִשְׁפָּט אז מיר זאָלן חֵן
האָבן׳ אין דייני אויגן אונ׳ אין בֵּית דִין איהרי
אויגן דען עז איז קיין צַדִּיק אויף דער וועלט
וואז ניט טוט זינדיגן׳ אונ׳ איך אָרם ווייב מאַך
מיך צו קיין מַרְשַׁעַת אזו איך חו״ו זעלט
זאָגן עז איז קיין הילף צו מיר׳ אזו געדענק
איך מיר׳ וויא גאָט דיא וועלט בשאַפֿן האָט
האָט ער גוויסט אלי דורות ביז לֶעָתִיד
לָבֹא׳ וועלכר ווירד גוט זיין צו בשאַפֿן אָכר

ניט׳ נון וויל דוא מיך יוא האסט בשאפן׳ מוז
איך דאך עטוואז נוז זיין אויף דער וועלט׳ אבר
עז ווירד עטוואז גוטס פֿון מיר הערקומן׳ ז
דרום ביט איך דיך ליבר גאט׳ דוא זאלסט
דיך דרבארמן איבר מיר צו דען נייען יאהר
דען דוא ביזט אונזר דרבארמיגר פאטר׳ -
דא שטיט אין פָסוּק כִּי אֵל רחוּם יְיָ אֱלֹהֶיךָ
אונזר גאט איז דרבארמיג. און מיר זיין
דיין גליבט פאלק׳ וויא עז שטיט גשריבן
וַיְיָ הֶאֱמִירְךָ הַיּוֹם און גאט האט אונס
גליבט׳ דען אלי פֿעלקר זיבן אונטר איין מַזָל
אבר מיר ישראל זיבן אונטר קיינן מַזָל :
נייארט דוא אליין ביזט אונזר גאט׳ דרום
ליבר גאט בעטן מיר דיך דוא זאלסט דיך
זעצן אויף דען כִּסֵא רַחֲמִים איבר אונזר
מִשְׁפָּט און זאלסט אונז טאן מִשְׁפָּט
צֶדֶק דען דוא ביזט יָחִיד וּמְיוּחָד אונזר

איינציגר גאט׳ וויא מיר זאגן אלי טאג שמע
ישראל יי אלהינו יי אחד פר נעם ישראל
גאט אונזר גאט איז איין איינציגר גאט
אונ׳ מיר זיין דיין גליבט פאלק וויא דא אין
דיין תורה שטיט ומי כעמך ישראל
גוי אחד בארץ אונ זוא בעט אונזר העלפר
אונ טרייסטר ׳ דז דוא דיך איבר אונז דרבאר
מן זאלסט ׳ אונ׳ זאלסט אונז שיקן דען גואל
צדק אין דיזן יאהר אמן סלה׃

רבונו של עולם איך פייערל בת
לאה ביט דיך דוא
זאלסט מיך ניט לאזן לער ווידר קערן מיט
מיין תפלה ׳ עז זאל אזו פיל זיין ליב דיר
אלז ווען עז העטן גיבעטן נשים צדקניות
דען איך ארם וויב פרשטיא עז ניט בעסר
אבר דוא ליבר גאט ווייסט מייני גידאנקן

פון מיין הערץ דרום ביט איך דיך דוא זאלסט
מיר העלפן ׳ דרהער מיך דאך מיט מיינר
תְּפִלָּה ׳ אונ׳ פרנעם מיין צו בראכן געמיט
גלייך אזו איך העט גיבראכט איין קָרְבָּן
עוֹלָה וויא אין פָּסוּק שטיט לֵב נִשְׁבָּר –
וְנִדְכֶּה אֱלֹהִים לֹא תִבְזֶה איין צו בראכן –
הערץ אונ׳ איין פרשטוסן גמיט טוט גאט
ניט פרשמעהן ׳ איז גאט גלייך אזו איין
קָרְבָּן ׳ דרום זאלסטו פר נעמן מיין צו
בראכן גמיט ׳ אונ׳ דיא ריד מיינס מויל
זאל זא גלייך זיין אזו איך העט גיבראכט
פיל קָרְבָּנוֹת אונ׳ קְטוֹרֶת פר דיין כִּסֵּא
הַכָּבוֹד ׳ אונ׳ דוא זאלסט מיך ח״ו ניט
פרדערבן ׳ ווען מייני זינד שוֹהן גרוס
זיין ׳ זאלסטו מיר דאך מוֹחֵל זיין וויא

אין פָּסוּק שטיט וְסָלַחְתָּ לַעֲוֹנֵנוּ כִּי רַב
הוּא דוא זאלשט אונזרי זינד פֿרגעבן ווען זי
שוו פֿיל זיין ׳ וויא אויך דיא גאנצי וועלט -
לעבן מיט חֶסֶד חִנָּם דורך גינאד דיינער
גרושי דרבארמיגקייט ׳ אזו זאלשטו מיר
אויך טאן חֶסֶד חִנָּם ׳ אונ׳ זאלשט מיך לאזן
לעבן מיט אלי דיא מייניגן ׳ אונ׳ דאז לעבן
זאל זיין איין רעכט לעבן ׳ אהני זינד ׳ אונ׳ אָהני
שאנד ׳ אונ׳ דוא זאלשט דיך דרבארמן איבר
מיר וויא אין פסוק שטיט ׳ וְרַחֲמָיו עַל
כָּל מַעֲשָׂיו גאט איז דרבארמיג איבר
זיין ווערק ׳ אונ׳ מיר זיין דייני קינדר
דען פֿון אונזרט וועגן האשטו אויס בשאפֿן
דרום ליבר גאט דרבארם דיך איבר מיר
פֿון דיין כָּבוֹד וועגן ׳ אונ׳ מיר זאן ניט

אונ שָׁפָל זיין אונטר דיא אוּמוֹת הָעוֹלָם

אָנָּא יְיָ אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל איך ביט דיך ליבר גאט ׳

דוא זאלשט דיך דרבארמן איבר מיר ׳ אלז
מיר קיין קינד זאל שטערבן ביא מיין לעבן
שטראף מיך חו״ נית מיט אלן איין הארטע
שטראף ׳ דוא האסט אן גשריבן אל רחום
וְחַנּוּן אויך שטיט אין דר תּוֹרָה שַׁלֵּחַ
תְּשַׁלַּח אֶת הָאֵם וְאֶת הַבָּנִים תִּקַּח לָךְ׃
ווען מן קומט איבר איין נעסט מיט פֿיגל ׳ אזו
מוז מן דיא מוטר ערשט אוועק שיקן ווען מן
דיא יונגע פֿיגל וויל נעמן ומִכָּל שֶׁכֵּן דאז
דוא דיך קערסט צו דרבארמן איבר מיר
דען ווען דיא פֿיגל דרוואקסן ׳ קענן זיא איר

פֿאטר אונ מוטר ניט ׳ אונ׳ דיא פֿאטר אונ מוטר
קענן דיא קינדר ניט ׳ אבר מיר זינדיגע ׳
זייט מוזן אונזרי קינדר מיט שווערי מיא
דרציהן ׳ אזו קערשטו דיך איבר אונז צו -
דרבארמן אונ׳ שטראף מיך ניטחו מיט
גזירות אכזריות נאזן מיר אונזרי קינ״
דער דרציהן צו גוטס דינסט אונ׳ צו גאט
פֿורכט אונ׳ נאז אן אונז מקוים ווערן דער
פסוק עֲטֶרֶת זְקֵנִים בְּנֵי בָנִים וְתִפְאֶרֶת
בָּנִים אֲבוֹתָם דיא קרון פון דיא עלטרן ו
זיין דיא קינדס קינדר ׳ אונ׳ דיא שונהייט
פֿון דיא קינדר איז ווען דיא האבן ערליכע
עלטרן ׳ ליבר גאט ווען איך עז טון ניט פֿר,
דינט האב אן דיין הייליגן נאמן ׳ בעט איך
דיך דוא זאלסט מיר געבן מַתְּנַת חִנָּם :

אַב הָרַחֲמִים דר בארמיגר פאטר גיב
מיר אונ׳ מיין מאן אונ׳
קינדר איין פַּרְנָסָה טוֹבָה פֿון דיין האנד
אונ׳ ניט פון מענשן האנד׳ דען דער וואז פֿון
מענשן פַּרְנָסָה זוכן מוז׳ דר האט קיין זיכר
פרנסה אָבר דוא זיכר גאט ווייסט פון איין
איטליכן זיין בדערפניס׳ איטליכע רֶגַע
וואז ער ברויך׳ דרום ליבר גאט׳ ווען דוא
גיבסט איז איין רעכטי גאב׳ אז וויא אין
פסוק שטיט פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶיךָ וּמַשְׂבִּיעַ
לְכָל חַי רָצוֹן׳ עז זאָל זיין דר ווילן פאר
דיר גאט׳ דוא זאלסט עפֿנין דיין האנד
דען דוא זעהסט אויף אויס וואז דא לעבט
אויף דר וועלט׳ דרום זאָלסטו מיך אונ׳ מיין

מאן אונ׳ מייני קינדר טפישן דורך דיין האנד
מיט חֶסֶד דר מיט דאז מיר דאן קענן דינן דיין ליבן
נאמן ביז אין אונזר ענד׳ אונ׳ טוא מיך הו׳ ניט פר
לאזן׳ ליבר גאט לאז מיך הו׳ ניט קרענקן׳ דאז איך
זאל כֹּחַ האבן דירדו דינן׳ לאז מיך בייא מיינע
קרעפטן ביז אין דאז שטערבן׳ אונ׳ ווען מיין
צייט ווירד קומן זאל איך דורך דיין האנד שטערבן
כלוֹמַר מיט נְשִׁיקָה׳ אונ׳ מיין מִיתָה זאל זיין׳
איין כַפָּרָה אויף מייני זינד׳ עז זאל זיין בוועליג
פֿר דיר דיא רֵייד מיינס מויל׳ אונ׳ דיא גדאנקן
מיינס הערצן זאל פר דיר קומן דוא ליבר גאט מיין
בשֵׁעפר אונ׳ דרלֵיזר בייצטו ביז אייביג אמן סלה
יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ עז זאל זיין בוועליגט
צו פֿאר דיר מיין גאט

אונ׳ גאט מייני עלטרן׳ ער זאל יעצט דיא צייט
זיין׳ וואז איך בעטן טוא אויף מיר אויף מיין מאן אונ׳
קינדר׳ איין צייט פון דר בארמונג איין צייט פון איין
בוויליגונג אונ׳ פרנעמונג׳ אונ׳ בענטשונג׳ ער זאל דר
פילט ווערן מיין בגער׳ אונ׳ צו אונזר גבעט זאל זיין
איין עת רצון אז דוא זאלסט אונז בהיטן פר אלי
בזע קראנקהייטן׳ פר שפלות פר פרטעמונג
אז מיר זאלן ח״ו ניט פרטעמט ווערן׳ וועגן גרוסי
ארמיטייא׳ וויא געשריבן שטיט מירום ומי
ישפיל׳ דען ווען דיא ישראל ח״ו שפל זיין׳ איז
ער דר קיין כבוד׳ נעמפר דר צו שפלות פון דיין
הייליג תורה אונ׳ דיא הייליג ספרים וואז זיין ווארדן
פרברענט אונ׳ צו ריסן׳ אין דיא הייליגי טוהלן אונ׳ אין
בתי מדרשים אונ׳ וואז ניט ווידיג דאז בלוט פון
דיא צדיקים אונ׳ צדקניות וואז טון זאנג

אומטווֿלדיג פרגאַסן איז וואָרדען אונ' וואָז מיר
טון פרגעסן האַבן' אַבר דיאַ נייע גְזֵירוֹת וואָז
מיר בְּעֲוֹנֵינוּ הָרַבִּים פאַר אונז זעהן' מיט
אונזרי אויגען' אונ' וויא אין פסוק שטיט -
צָרוֹת רִאשׁוֹנוֹת מְשַׁכַּחַת אַחֲרוֹנוֹת דיא
נייע לייד מאַכן פרגעסן דיאַ הינטרשטע
לייד' דרום דוא ליבר גאָט לאָז אונז שון בנוגן
מיט אונזרי צָרוֹת' דיאַ זאָן שון פיל ריין אין
דיין אויגן' אונ' שיק באַלד אין אונזרי טעגען
דען גוֹאֵל צֶדֶק' אונ' זאָגסט אונז פרגעטן
גוטע גנאָד' וויא אין פסוק שטיט בָּרוּךְ -
הַגּוֹמֵל חֲסָדִים טוֹבִים לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל
גלויבט איז גאָט' ער פרגעלט פיל גוטץ צו דיין
פאָלק ישרא' אמן
סלה

ווער דז זאגט איין גאנץ יאהר פרעושה שלוש
אין שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה. איז זוֹכֶה צו עולם הבא:

מַלְכֵּנוּ אֱלֹהֵינוּ אונזר קיניג אונזר גאט
אובר שטר גאט איבר אלי קרעטייר׳ מיר
ביטן דיך דוא זולשט אייניגן דיין הייליגן נאמן
אין דר וועלט׳ בויא דיין שטאט׳ גרונדפעסט׳
דיין הויז׳ דז בֵּית הַמִּקְדָּשׁ׳ גרונדפעסטי׳
דיין פָּאלִיט׳ מאך נָאהֶנט דז ענדפון גָלוּת
ברענג דען לִיבן מָשִׁיחַ׳ טוא אויזלִיזן דיין
פאלק ישראל׳ דרפרייא דייני שאף׳ טוא
עז פון וועגן דיין הייליגן נאמן׳ טוא עז וועגן די
דרבארמיגע מַלְאָכִים אין הימל׳ טוא עז וועגן
דיין רעכטי האנד׳ אונ פון וועגן דיין הייליגע
תורה׳ טוא עז וועגן דיין הייליגקייט׳ אונ וועגן
דיין פיל דרבארמיגקייט׳ טוא עז וועגן דיינע


הייליגע שְׁכִינָה ׳ אונ׳ וועגן דיין לוב ׳ ווען דוא
ניט ווילסט וועגן אונזרט וועגן ׳ טוא עז וועגין
דיינט וועגן ׳ אונ׳ העלף אונז ׳ דיא גאנץ אויזגצוגן
דיין געליבטע פֿריינדשאפֿט ׳ העלף אונז מיט
דיין רעכטע האנד ׳ אונ׳ ענפר אונז ׳ (היר זאגט
מן דיין פסוק ׳ יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן
לִבִּי לְפָנֶיךָ ה׳ צוּרִי וְגוֹאֲלִי : עושה שלום)

אין ראש הַשָּׁנָה צו נאכט זאגט מן דיא תחינה פר
יִהְיוּ לְרָצוֹן :

רִבּוֹן הָעוֹלָמִים הער פֿון דיא גאנצי וועלט אַתָּה הוּא
אָבִינוּ דוא בישט אונזר פאטר מֶלֶךְ יוֹשֵׁב
עַל כִּסֵּא רָם וְנִשָּׂא ׳ קיניג דר דא היינט זיצן
טוט אויף איין הוך דרהובנין דרבארמיגן =

שטיל דוא זאלשט מיך פייערל בַּת לֵאָה
היינט דיא פורכטזומי נאכט · אונ׳ מיין מאן
אונ׳ מייני קינדר אן טרייבן זו לאנג לעבן ·
צו פריד׳ אונ׳ טרייב מיך אן אונ׳ אז דיא מייני
גע׳ אונ׳ דיא מיר ליב זיין · בְּסֵפֶר הַצַּדִיקִים אונ׳
דאז מיין וואג שָׁאז מיט מייני זְכִיוֹת איבר וועגן
מייני חַטָאִים אונ׳ גיב מיר כֹּחַ צו מיין צו
בראכן הערץ · אונ׳ מייני טרערן זאלן קומן
פֿון גרונד מיינעס הערצן׳ דיא זאלן פֿרטרייבן
אלי קְלִיפּוֹת אונ׳ מְקַטְרִיגִים דיא דא וועלן
פֿרשטערן אונ׳ אויפֿהאלטן דיא כַּוָנָה פון די׳
תְּפִלוֹת אונ׳ מיין הערץ זאל ניט פֿרשטאפט
ווערן ׳ביז מייני הייסי טרערן זאלן מְבַטֵל זיין
אלי קְלִיפּוֹת אונ׳ אלי חִיצוֹנִים אונ׳ דען יֵצֶר
הָרַע דיא זאלן קיין מאכט האבן מְקַטְרֵג צו

זיין אוך מייני תְּפִלּוֹת מְבַטֵּל צו זיין ׳מייני ״
טרערן זאלן מייך פֿיר שפרעכר זיין ׳דען
ווען שון דיא טארן פֿון תפלות צו גשלאסן
זיין אבר דיא טארן פֿון ווינן זיין ניט פר
שלאסן ׳אלמעכטיגר גאט ׳בארהערציגר
פֿאטר ׳ גרוסר קיניג ׳ ניג זיין הערץ צו גוטן
אונ׳ מיין תפלה זאל אן גינומן זיין צו דיר ׳צו
גוטן ׳ אונ׳ טרייב מיך אן פֿייערל בַּת לֵאָה
צו איין גוט גיזיסט יאהר ׳ צו לאנג לעבן ׳
צו פריד ׳ צו גיזונד ׳ אין סֵפֶר הַצַּדִּיקִים
יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן
לִבִּי לְפָנֶיךָ יְיָ צוּרִי וְגוֹאֲלִי (עוֹשֶׂה



ווען מן אויז נעמט ראש השנה ויום כפור זאגט מן דיאתחינה.

רבונו של עולם

הער פון דער גאנצע וועלט ׳ דיא מיך מזכה מיט קינדר׳ אונ׳ מיך זאלסטו בענטשן מיט קינדס קינדר דיא זאלן זיין אייטל זכרים אונ׳ פריש געזונד אין איהרם לייב אונ׳ מיט גרוסן פרשטאנד ׳ דיא זאלן גוטי מעשים אין זיך האבן ׳ דיא זאלן זיין בישנים׳ רחמנים גומלי חסדים אונ׳ לאז אן מיר מקוים ווערן דר פסוק בניך כשתילי זתים סביב לשלחניך אונ׳ צו דיא ברכה פון אברהם זאל איך זוכה זיין ׳צו האבן תלמידי חכמים צדיקים ׳עז זאל זאז זיין דר ווילן גאט מיינגאט מייני עלטרן׳ פאטר קיניג אין הימל ׳דרפיל

מיין גיבעט מיט דיין גנאד דען היינטיגן טאג ׳
פֿין וועגן דען זְכוּת דיין הייליגן נאמן ׳ דר דא
איז גיאַכפרט אין דיא גאנצי וועלט ׳ רִבּוֹן הָעוֹלָם
הער פֿון דיא גאנצי וועלט ׳ איך ביט דיך מיט מיין
גאנצן הערצן ׳ פרנעס מייני רֵיד אונ׳ מיין זאג
צו פֿר דיר ׳ אן דען יוֹם הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא אין דיי
זייט אלז מן עפינט דען אָרוֹן הַקֹּדֶשׁ הערויז
צו נעמן דיא הייליגי תּוֹרָה ׳ צו זייאן דארויס
זאל זיין דר ווילן צו פֿאר דיר ׳ צו אנפֿאנגן פֿון
מיר דיין דינסטמייד ׳ פייערל בַּת לֵאָה
מיין גיבעט ׳ אונ׳ עפֿין מיר דאז טאר פֿון גנא
מיט דיין הייליגן נאמן אונ׳ פֿון דרבארמיגקייט
אונ׳ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה ׳ איך ביט דיך ליבר גאט
גיב מיר ׳ פֿרומע קינדר אונ׳ קינדס קינדר

דוא זאלסט אויף מיר ציהן חֵן וָחֶסֶד אונ' טוא
דר פֿילן מיין ווילן צו גוטן אונד פֿרגיב מיר
אונ' מיין מאן אונ' קינדר אונזרי עֲבֵירוֹת אן
דיזן יוֹם הַדִּין הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא אונ' שרייב
אונז אן צו איין גוט יאהר' צו לאנג לעבן'
אונ' צו דרנערונג' אונ' גיב אונז אונזר טעג
ליך ברוט' עסן שפייז' אונ' קליידונג' מיט
עוֹשֶׁר וְכָבוֹד אונ' אז איך זאל קענן טאן
פֿיל מִצְוֹת אונ' צְדָקוֹת' איך ביט דיך ליבר
פֿאטר' דוא זאלסט געבן איין גוטי הילף צו
אונזר קראנקהייטן אונ' פֿרנעם מייני לייד
אונ' זורגי גידאנקן' טוא בזויגן מיין הערץ
אונ' מיין מונד' וואז איך בגער הייכט דען טאג
דיז זאל זיין פֿון מיר אלז איין פֿריזענט' אונ'


זאלסט עמפפאנגן מיין גיבעט אונ' זאלסט
דר פילן מיין בגער · אז איך זאל זוכה זיין
צו בקומן פרומי קינדר אונ' דוא זאלסט אויף
מיר אונ' אויף מיין מאן אונ' קינדר גוזר
זיין גזירות טובות ישועות ונחמות
אונ' דר היך מיין מזל אונ' בהיט אונז פר
אלי שעות רעות · אונ' רייכט אויף אונזר
הערטשאפט אונ' דרלויז אונז אויז דעם גרוסן
טווערן ביטרן גלות אמן

יהי רצון עז זאל זיין בוויליגט צו פאר
דיר' דיין גרוסן שטארקן אונ'
פורכטזאמן נאמן · דיא תחינה וואז איך
האב פר דיר גיזאגט · זאלסטו ערהערן -
פון מיר' אונ' דיא הייליגע מלאכים וואז
דיא זיין גיזעצט אויף איטליכן טאג' דיא
זאלן אויפברענגן מיין גיבעט פר דיר מיט

דרבארמיגקייט׳ עז זאל זיין איין שָׁעָה דאז
דוא זאלסט פֿרנעמן מיין גיבעט׳ איך ביט דיך
ליבר גאט׳ טוא גביטן דייני הייליגי מַלְאָכִים
דיא דא זיין גיזעצט אויף דיא תְּפִלּוֹת פֿון
יִשְׂרָאֵל דיא זאלן מיין תפלה גלייך צו דיר אויף
ברענגן׳ אָהני הינדרנים׳ אונ׳ אויף האלטן
פֿון דיא מְקַטְרְגִים׳ אונ׳ מיין תְּפִלָּה זאל
גרייכן ביז אן כִּסֵּא הַכָּבוֹד אונ׳ דוא זאלסט
מיך בענטשן׳ מיט איין גוטי בענטשונג׳ אז
וויא דוא האסט גיבענטשט אברהם יצחק
ויעקב אזו זאלסטו מיך אויך בענטשן אמן

ואמן סלה


[illegible]



נאך דען ערשטן מאל שב זאגט מן דאז
יהי רצון עז זאל זיין בוועליגט פאר דיר
גאט · מיין גאט · אונ׳ גאט מיין
עלטרן · דאז בלאזן · תקיעה · שברים ·
תרועה ·תקיעה · וואז מיר האבן היינט
גיבלאזן ·זאלסטו מאכן איין קרון דורך
דען מַלְאָךְ וואז דארו גישעצט איז · אונ׳
ער זאל זיא זעצן אויף דען קאפף מיין
גאט · אונ׳ זאל טאן מיט אונז איין צייכן
צו גוטן · אונ׳ דוא זאלסט דערפילן אויף ·
אונז דערבארמיגקייט ברוך בַּעַל הָרַחֲמִים
נאך די אנדרי מאל שב
יהי רצון · עז זאל זיין בוועליגט צו פר
דיר גאט ·דאז בלאזן תקיע׳
שברים״ תקיעה ״ וואז מיר האבן היינט

גיבלאזן זאלסטו׃ אן נעמן דורך דען מְמוּנֶה
וואז דא איז גיזעצט דארויף׳ אזו וואז
וויא דוא האסט אן גינומן דורך אֵלִיָהוּ׃
אונ׳ זאלסט דרפֿיזן אויף אונז דערבארמיקייט
בָּרוּךְ בַּעַל הָרַחֲמִים
נאך דאז דריטע מאל (שב) בלאזן

וּבְכֵן יְהִי רָצוֹן אונ׳ מיט דיזן זאל זמן =
בוויליגט צו פאר דיר גאט =
דז בלאזן תקיעה׳ תרועה׳ תקיעה וואז
מיר היינט גבלאזן האבן׳ פר דיין כִּסֵא
הַכָּבוֹד דאז עז פר אונז איין פיר שפרעכר
זיין צו גוטן׳ אונ׳ עז זאל מכפר זיין אויף
אונזרי זינד׳ אונ׳ מיר זאלן זוֹכֶה זיין צו הערן
דען שׁוֹפָר פֿון תְּחִיַּת הַמֵּתִים



תחינה פאר דיא עֲבוֹדָה ר״ה אונ׳ י״כ :

רבונו של עולם איך ביט דיין -
היילִיגן נאמן ׳

איך טוא איצונד תשובה אונ׳ האב גער
חֲרָטָה אויף מייני עֲבֵירוֹת ׳אונ׳ טרייא
אונ׳ ויין פַֿר דיין היילִיגן נאמן ׳מיט ביטרן
הערצן׳ מיט הייסי טרערן אויז טיפַֿנים
מיינים הערצן ׳ איך ביט דיך דרבארמיגר
פאטר׳ גטהע דאך אן ׳ מיין יאמר אונ׳ -
קלאָגן ׳ איך פַֿאל פר דיין היילִיגן נאמן צו
דער ערדן מיט מיין גזיכט ׳ ליבר גאט ׳ טוא
דיך דרבארמן ׳ איבר מיר זינדיג, וויב ׳ לאז
מיך פר דיר ניט קומן מיט זינד ׳ אונ׳ ווען
מייני זינד געלטן אזו גרוס זיין ׳ אונ׳ דיא

מְקַטְרְגִים זעלטן טרייטן פר דיר ' דוא זאלשט
מיך חו"ו שטראפֿן ' ביט איך דיך אלמעכטיגר
גאט ' הער דיא ניט צו ' פֿרשטוס דיא פֿון דיין
מְחִיצָה ' אונ' נעם מיך אונטר דייני פֿליגל
אין "שוץ ' וויא אין פסוק שטיט ' דוא טושט
דיך אויף האלטן אין דָאֹרן ' צום מענטשן ' אונ'
טוסט גינאדז מיט אונז ' אונ' לאזט לֵידִיג' דֵר
דא תְּשׁוּבָה טוט ' אונ' דר קיין תשובה טוט
בשטו ניט מוֹחֵל ' אונ' וויא אין פסוק ווייטר
שטיט ' דוא טוסט פרגעבן אלי זינדן ' דרום
ליבר גאט ' בין איך דא פֿאר דיר מִתְוַדֶה מיט
ביטרן אונ' בטריבט הערצן ' אויף אלי מייני
זינד ' דיא איך גיטאן האב ' פֿון מיין יוגענד
אן ביז היינטיגן טאג ' דארום ביט איך דיך
אונ' דיין הייליגן נאמן ' דוא זאלסט מיר זינדא

ווייב פייערל בת לאה מוחל זיין וויא דיין
הייליגר נאמן איז׳ דוא ביזט פולרדרברמיג״
קייט׳ וויא וואול דאז איך ווייז דיא מיר
בז איך שטיא גיגיג אין איין טועכט מִשְׁפָּט
ווייל איך בין פור זינד׳ עז איזט קיין גוטע
האר אן מיינם לייב׳ וועלכי ניט בשמירט איז׳
פון זינדן׳ אבר ווייל אונזרי חֲכָמִים האבן
גיזאגט׳ ווען שון דאז שווערד אן האלז ליגט
מוז דר מענש דאך האפן צו גאט׳ דאז
גאט ווירד איהם העלפן׳ ווען דר מענש טוט
תשובה ווירד גאט איהם מַצִיל זיין׳ איך
ביט דיך ליבר גאט מיט מיין גאנצן הערצן
זיא מיר מוחֵל אלי מייני זינד׳ אויך דיא
זינד פון מיין מאן אונ׳ קינדר׳ עז זייא וואז

מיר האבן חוטא גיוועזן מיט אונזר גוף אבר
מיט אונזר נְשָׁמָה · אבר וויא אונזר נְשָׁמָה
איז גוועזן אין איין אנדרן גוף אונ׳ ביז משפט
איז הו״ אויף מיר אויז גיגאנגן · אלז איך באלד הו׳
איין עוֹנֶש לײַדן · וועגן זינד · וואז זאל איך
טאן וואז דיין הייליגר נאמן טוט · איז וואול
אונ׳ רעכט גיטאן · דר מענטש מוז אליז זער
גיטיגליך אן נעמן · דען דוא טושט אליז צו
גוטן · רייניג מיך פון מיין זינד · איך טוא דיך
לובן · איך פרואז מיך · דאז דוא מיר אלעז
לְטוֹבָה טושט · שַׁדַּי רַחֲמִים ליבר דרבארר ·
מיגר פאטר · ווילשטו מיך הו״ שטראפֿן מיט
יְסוּרִים · אזו ביט איך דיך ליבר גאט זייא
דרבארמיג מיט מיר · אונ׳ טוא דיין צארן
אב פון מיר אמן · רבש״ע איך ביט דיין

הייליגן נאמן ואז מיר מיין מִשְׁפָּט אומחַזִרין
אונ׳ גידענק מיר זְכוּת אָבוֹת וּזְכוּת צַדִּיקִים
גרוסר גאט איז אנדרשט אוז איך פון מייני
חֲטָאִים וועגן בין חו״ חַיָּיב שְׂרֵיפָה ביט איך
דיך גדענק מיר דען זְכוּת פון אַבְרָהָם דער
זיך האט לאזן אין קאליך אובן הריין ווארפן
וועגין דיין ליבן נאמן וועגין ׳ ואז מיר איצונד
זיין זְכוּת בייאשטֵין אן דען יוֹם הַדִּין אונ׳
ואז מיך אונ׳ מיין מאן אונ׳ מייני קינדר נִיצַּל
ווערן פון דען עוֹנֶשׁ ׳ גרוסר גאט ׳ ווען איך
בין חייב הֶרֶג גידענק מיר דען זְכוּת פון
יִצְחָק דער זיך האט וועלין טעכטן לאזן׳ פון
דיין הייליגן נאמן וועגן ׳ אויף דעם בערג —
מוֹרִיָּה ואז מיך אן דען יוֹם הַדִּין זיין זכות
גניסן ׳ אונ׳ דייא אונז מַצִּיל פון דען עוֹנֶשׁ

גרוסר גאט / איז אנדרשט אויף מיר / דאז איך
גאנץ דאך גישטראפט ווערן אויף דר וועלט
גידענק מיר דען זכות פון יעקב דר האט
פיל צרות אויז גישטאנדן / אונ׳ האט מוזן
אנטלויפן פר זיין אייגנן ברודר עשיו אונ׳
דאז מיר אונ׳ מיין מאן אונ׳ קינדר גניסן זיין
זכות אן דיזן יום הדין אונ׳ אזו מאז אמן
רבש״ע דאז דיך דונקן אז מיר העטן —
גזאגט טיטן די בית דין הגדול אין דר שטאט
ירושלים / ביא דיא סנהדרין גדולה /
אונ׳ נעם אן דיא תשובה פון מיר אונ׳ נעם
אן מיין יאמר אונ׳ קלאג אונ׳ מיין בטריבט
הערץ / אונ׳ דאז דז זיין איין כפרה אויף מייני
זינד / אמן / רבש״ע ווען דוא ווילטט משפט
טאן נאך מייני זינד אונ׳ נאך מייני מעשים
רעים נאך׳ חו״ / ווי אונ׳ וויי צו מיין נשמה

וויא קאן איך בשטין פר דיין גרוס מִשְׁפָּט
איך מוז יוא חו״ פרפאלן · וואו הין זאלט איך
קומן · אבר וואו הין זאלט איך קומן מיך פאר
דיר צו פרבארגן · פר אזו איין גרוסן פורכט״
זאמן גאט · אזו איין שטארקר גאט · און מֶלֶךְ:
איבר דיא גאנצי וועלט · וואז אלי מענשן אונ׳
אלי מַלְאָכִים אונ׳ אלי קְרֵאטייאר טונן
זיך בוקן אונ׳ ציטרן פֿר דיין גרוסע הער״
ליכקייט · דרום ביט איך דיך ליבר גאט
פר גיב מיר מייני זינד · אונ׳ אוב עז מייני
זְכִיוֹת ניט אויז טראגט · דאז דוא מייני
זינד פֿרגעבן זאלסט · אזו טוא עז פֿון
וועגן זכות אונזר עלטרן · אַברהָם יצחק
יעקב · איהר זכות זאל מיר בייא שטין
אונ׳ אוב עז חו״ ניקס העלפן זאל · אלז

איך בטריבט מוז אוועק גין מיט לעהרי הענד
ווען מיין תפלה זאל חס' ניט העלפן' ווייא אונ'
ווינד איז מיר' וואז פר איין פָּנִים האב איך
דאז איך מיך זאל שטעלן פאר דיר' איך
האב יוא עוֹבֵר גוועזן אויף דייני מִצְוֹת אונ'
אויף דיא דיר פון חֲכָמִים' נון ליבר גאט
איך האב חֲרָטָה אויף מייני זינד' איך
וויל אב קערן' פון מייני ביטרי זינד' אונ'
פון מייני בזע וערק' ווייא אין פסוק שטיט
וּמוֹדֶה וְעוֹזֵב יְרוּחָם וּמַצִּיל אֶת נַפְשׁוֹ
מִדִּינָהּ שֶׁל גֵּהִינָּם' ווער דא טוט בקענן
אונ' טוט אב לאזן פון זייני בזע וערק אל
פון זייני זינד' טוט זיך גאט ערבארמן'
איבר דען מענטשן' אויך האט דָּוִד הַמֶּלֶךְ
עָלָיו הַשָּׁלוֹם גיזאגט זִבְחֵי אֱלֹהִים רוּחַ

נִשְׁבָּרָה איין צו בראכן גמיט איז מער אלז
קָרְבָּנוֹת פר גאט׳ לֵב נִשְׁבָּר וְנִדְכֶּה אֱלֹהִים
לֹא תִבְזֶה. איין צו בראכן הערץ אונ׳ איין
פרשטוסן גמיט טוט גאט ניט פרשמעהן ׳
אלזו ליבר גאט׳ ביט איך דיין הייליגן נאמן אונ׳
דיין הייליגע שְׁכִינָה אונ׳ דיין הייליגי מַלְאָכִי׳
זאלן מְלִיצִים יְשָׁרִים פר מיר פייערל בת
לאה זיין אונ׳ פר מיין מאן אונ׳ קינדר אונ׳
קינדס קינדר׳ אונ׳ פר אלי מייני פריינד ׳
דוא זאלסט אונז מוֹחֵל זיין אונזרי זינד
אן דעם יום הדין׳ עז זאל קיין איבר בלייבונג
זיין פון אונזרי זינד׳ זיא זאלן ווערן זְכִיּוֹת
דוא זאלסט אבטאן דיין צארן פון אונז׳
אונ׳ זאלסט גוֹזֵר זיין גְּזֵירוֹת טוֹבוֹת אויף
אונז׳ מיר זאלן אן גשריבן ווערן׳ אן דיזען

ראש השנה אונ' יום כפור אן גחתמנת
ווערן צו לאנג לעבן אונ' צו עושר וכבוד
צו פרנסה צו שמחות אונ' העלף אונז בז
היר דאז יאהר דאזן דרלעבט ווערן אויז דען
גלות' אונ' דיין הייליגי שכינה זאל ווידר
קומן צו איהר רוה אונ' קדושה אונ' מיר
זאלן קומן אין ירושלים' אונ' דאז הייליגי
בית המקדש זאל גיבויאט ווערן' אונ' מיר
זאלן ווידר האבן איין כהן אונ' איין נביא אונ'
איין מזבח אונ' דאז קרבן זאל מכפר זיין
אויף אונזרי זינד' אונ' מיר זאלן קענן האלטן
דייני מצות וואז מיר אין חוצה לארץ
ניט האלטן קענן אמן: רבש"ע גיב מיר
קראפט אונ' פרשטאנד' דאז איך זאל
קענן דייני מצות אונ' תורה האלטן אונ'

זאלן חָלִילָה פון דיין גיבאט ניט אבטרע״
טען ׳ אונ׳ דאז מיך מְגַדֵל זיין מייני קינדר
צו תורה ׳ צו חֻפָּה אונ׳ לְמַעֲשִׂים טוֹבִים
אונ׳ דיא זאלן אין דיין אויגן אונ׳ אין אלי ליי״
טען אויגן פֿינדן לייטזעליגקייט ׳ דאז קיין
עַיִן הָרַע אן אונז שׁוֹלְט זיין ׳ אונ׳ מייני ׳
קינדר זאלן חָלִילָה ניט גמינדרט ווערן ׳
בייא מיינם לעבן ׳ אונ׳ דאז מיך זוֹכֶה זיין
צו האבן בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה
וּבְמִצְוֹת אונ׳ גְמִילוּת חֲסָדִים לְדוֹרֵי –
דוֹרוֹת אונ׳ דאז מיך קיין צַעַר האבן אן אזי
מייניגי ׳ אונ׳ שטראף דיא ניט וועגן איהר
זינד ׳ פון עלטרן וועגן ׳ וויא אין פסוק שטיט
לֹא יוּמְתוּ אָבוֹת עַל בָּנִים וּבָנִים לֹא
יוּמְתוּ עַל אָבוֹת אויף איהרי אייגנע

זינדי׳ זאלסטו זיא מוחל זיין וויא דא שטיט
אין פסוק כְּרַחֵם אָב עַל בָּנִים וויא זיך
דר פאטר איבר זייני קינדר מְרַחֵם איז
אזו זאלסטו דיך מרחם זיין איבר אונז
מיר זיין דייני קינדר׳ וויא אין פסוק שטיט
בָּנִים אַתֶּם לַיְיָ אֱלֹהֵיכֶם איהר זייט קינדר
צו גאט׳ אונ׳ דוא בישט אונזר פאטר ׳בית
איך דיך ליבר פאטר זייא דיך מְרַחֵם איבר
מיר׳ אונ׳ זייא מיר אונ׳ מיין מאן אונ׳ מייני
קינדר מוֹחֵל אונזרי זינדי׳ אונ׳ כָּל יִשְׂרָאֵל
זיא דיך אן רופן ׳מיט גאנצן הערצן אמן
אַתָּה יְיָ אֵל רַחוּם וְחַנּוּן נעם מיין גבעט
אן זיא איך פאר דיר בעטן טוא׳ אונ׳ טוא

דיא ניט אונטרדרוקן׳ אונ׳ דאז מיך זוכה
זיין צו האבן פרומי קינדר׳ דיא דאזן זיין —
תַּלְמִידֵי חֲכָמִים׳ אוז אנדרי לייט דאזן זיך
איין בייא שפיל נעמן אן דיא׳ אונ׳ דיא דאזן
דייני מִצְוֺת האלטן׳ אבר דיא מִינִים אונ׳
אַפִּיקוֹרְסִים דאזן פרשעמט ווערן׳ דיא
דא שפאטן אויז דיא תּוֹרָה אונ׳ מִצְוֺת
אבר מיר הערן איהרי רֵיד ניט צו׳ אונ׳ מיר
האלטן דאך דיין הייליגי תורה אונ׳ מִצְוֺת דען
מיר וויסן׳ דז דיין תורה אונ׳ מצות זיין רעכט
אונ׳ וואז דוא טושט איז אלים רעכט׳ אונ׳
טוא אב פון אונז דז יָאך פון גָּלוּת אונ׳
שיק אונז דען ליבן מָשִׁיחַ אין אונזרי טעגן
אמן ואמן סלה

דאס גיבעט דיזל שפרעך תחינה דער **עבודה** פון ראש השנה ויום כפור

וועןדיא ווייבר קומן צו כורעים ומשתחוים זאלן זיא
דיא שינע תחינה זאגן ·

עלינו לשבח לאדון הכל

אויך אונז איז דיא שולדיגקייט צו לובן
דיין נאמן · אויף מיר פייערן
בת לאה איז דיא שולדיגקייט צו דינן דיך
ביראה ופחד מיט פורכט אונ׳ מיט אנגסט
אום צו ביטן דיך · צו גניסן דיין דרבארמיג·
קייט · אוב איך שון פול בין מיט עבירות
בעונינו הרבים אבר בעל הרחמים נקרא
ודרך תשובה הורת · הער פון דרבארמונג
ווערסטו גירופן אונ׳ האסט אונז גלערנט

דיא וועג פֿון תשובה אזו בין איך פֿייער
בת לאה גיקומן פֿר דיין גילכפרטן נאמן צו
ביטן אויף מיר אונ' אויף מיין מאן אונ' קינדר
מיט קניען מייני פֿיס אונ' מיט נייגן מיינס
לייב, אונ' מיט בוקן מיינס געזיכט, אונד
פאל אויף מיין פָּנִים געגען דר ערדן מיט
יִרְאָה אונ' מוֹרָא צו ביטן פֿר דען מֶלֶךְ
מַלְכֵי הַמְלָכִים הקדוש ברוך הוא
דען חֶסֶד וואס דוא האסט גיטאן מיר אונ'
מיין מאן אונ' מייני קינדר פֿון יוגענט אן
ביז איצונדר א מָלֵא רַחֲמִים זאג מיך ווייּ
טער דיין גינאד אונ' בארמהערציגקייט
ניט פֿרלאזן, עמפפֿאנג אונזרי תפלות מיט
דרבארמונג ווייל איצונד איז איין עת -

רָצוֹן לִפְנֵי כִּסֵא כְּבוֹדֶךָ זאלשטו אונזרי
גיבר מוֹחֵל זיין ׳ וויא דוא האשט מוחל גוועזן
דען חֵטְא פון עֵגֶל אונ׳ האסט גיזאגט דיא
סָלַחְתִּי כִּדְבָרֶךָ אזו זאלשטו מוֹחֵל זיין
אונזרי עֲבֵירוֹת אויף וועלכי מיר מִתְוַדֶה
זיין בְּלֵב נִשְׁבָּר וְנִדְכֶּה זייא מְקַבֵּל אונזר
אן ביטן וויא דוא האסט מְקַבֵּל גיוועזן דיא
תְּפִלָה פון אונזר מוטר חַנָה וויא זיא האט
גבעטן אין בֵּית הַמִקְדָשׁ ווען קינדר
אונ׳ עֵלִי הַכֹּהֵן האט גיזאגט ׳ זיא ווער
בטרונקין ׳ אונ׳ זיא האט גיזאגט ׳ ניין ׳
מיין הער איך בין ניט בטרונקן ׳ זונדערן
אִשָׁה קְשַׁת רוּחַ אָנֹכִי איין פרויא מיט


בטריבטן גמיט בין איך ׳ האסטו דיא דר
הערט אונ׳ האסט איהר איין זון געבן דר
האט גהייסן שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא אזן זאלסטו
מיין תפלה אויך אן נעמן אונ׳ זאלסט
מיר גוטי קינדר געבן אונ׳ אז מייכע
בדערפנים ׳ וְאַל תָּבֹא בְמִשְׁפָּט
עַמָּנוּ דוא זאלסט ניט מיט אונז קומן
צו משפט כִּי לֹא יִצְדַּק לְפָנֶיךָ כָּל
חָי קיין מענש קאן זיך ניט גירעכט
מאכן פאר דיר ׳ ווייל קיין מענש ניכט
ריין איז פון עֲבֵירוֹת אונ׳ ווען חו״ דר
מְקַטְרֵג ווערט מִתְגַּבֵּר זיין זאז מיך
גניסן דיא מִדָּה פון חֶסֶד וְרַחֲמִים ׳
טְטֵייא אויף פון כִּסֵּא הַדִּין אונ׳ זעצע

דיך אויף דען כִּסֵא רַחֲמִים ליבר גאט׳ מאן
דר וועקן דיין דרבארמיגקייט׳ אויף מיר
אונ׳ אויף מיין מאן׳ אונ׳ אויף מייני קינדר
אונ׳ טוא אויף אונז גוטע דענקן אונ׳ מעק
אב אונזרי זינד׳ אבר ניט דורך יְסוּרִים אונ׳
בזע קראנקהייטן׳ רבש״ע וויא דו ברעכט
מיר מיין הערץ ווען איך גדענק׳ וויא דר כֹּהֵן
גָדוֹל האט דיא עֲבוֹדָה גיטאן׳ אין דאז
קָדְשֵׁי קָדָשִׁים׳ ווען דער רוטר פַּאדן
איז וייס גווארדן׳ האבן יִשְׂרָאֵל גוויסט
איהר תפלות זיין אן גינומן׳ איצונד –
האבן מיר קיין בית המקדש׳ קיין כֹּהֵן
קיין קָרְבָּן אויף אונז מְכַפֵּר צו זיין׳ האבן
מיר קיין אנדרי מִנְחָה אלז אונזרי תְּפִלּוֹת

אזו פרנעמט אונזרי תְּפִלּוֹת בְּרַחֲמִים אונ' גיב
אונז' אונזר בדארפניס ׳ אז מיר זאלן קענן
מַחֲזִיק זיין לוֹמְדֵי תּוֹרָה אונ' צו געבן צְדָקָה
לַעֲנִיִּים כְּשֵׁרִים אונ' ניט דז מיר זאלן חו"
אונזר עֲשִׁירוּת צו גַאֲוָה האבן ׳ אונ' צו הער״
טען איבר ארמי לייט ׳ פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶיךָ
עפין דיין מילדע האנד ׳ אז איך זאל מאכט
האבן איבר דז מייניגע ׳ אָב הָרַחֲמִים יבוא
דרבּרמיגר פאטר ׳ יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי
מייני ריד זאלן בוואליגט זיין ׳ צו פר דיר אונ'
דיא געדאנקן מיינס הערצן זאל זיין צו פר דיר
מיין בשעפר אונ' מיין דרלעזר ׳ אונ' ווען -
איך חו' עטוואז זאלט גירעט האבן ׳ וואז
ניט רעכט איז בִּינָה הֲגִיגִי פרוף מייני

גיראנקן אונ' מיין צו בראכן גמיט פון מיין ווינן
אונ' טרייען ׃ זאן מייני טרעכן מליץ יושר
זיין פר מיר ׃ אונ' פר מיין מאן אונ' קינדר
אוב איך ניט ווערדיג ווער צו ביטן אויף ׃
מיר ׃ וועגן מייני חטאים ׃ מכל שכן אויף
מיין מאן אונ' אויף מייני קינדר ׃ דוא האסט
אבר אן גשריבן אין דיינר תורה ועושה
חסד לאלפים ער טוט גינאד צו פיר
טויזענט גבירט ׃ אונ' פרנעם מיין תפלה
דאז מייני טרעכן ניט לער גאון אב זולפן
בויא זיין בית המקדש באלד אין אונזרי
טעגן אלז דער כהן גדול גאן דיא עבודה
טאן ׃ אין קדשי קדשים אמן ואמן סלה


ווען מן כַּפָּרוֹת אום טוֹאגט זאגט מן דז



דער אַלמעכטיגר גאט · דער דא עוויג אין
הימל רואט · דר זאל אן נעמן היינט
דען טאג פון מיר אָרמעס ווייב פייערל
בת לאה · דיא הען פֿר איין כַּפָּרָה אויף
מייני זינד · דיא איך האב גיטאן · דרמיט
דז איך זאל ניט ח"ו גיטראפֿט ווערן דען
יוֹם כִּפּוּר בייא דען בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה
ליבר הער גאט איך ארם ווייב פייערל
בת לאה · טוא דיך ביטן דוא זאלשט דיא
הען נעמן · אן שטאט מיינר · דיא הען זאל
גין צום טוט · אונ' איך זאל לעבן בלייבן –

ליבר גאט׳ טוא מייני טעג בנייאן׳ צו יונגע
טעג׳ דען דוא ביזט דר בארמיג׳ צו מענשן
דר בא האט גינדיגט׳ דוא שטראפסט דען
מענשן ניט אויף איין מאל׳ ווען ער נור טוט
תְּשׁוּבָה אויף זייני זינד׳ וואז ער האט
גיטאן׳ ליבר גאט דוא זאלסט מיך פרובן׳
מיין גירעכטיקייט׳ וואז איך האב גיטאן צו
דר צייט׳ וואז איצונד קומט׳ ליבר גאט לאז
מיך ארם ווייב׳ פייערל בת לאה ניט אומזונסט
פֿרגיסן מייני טרערן׳ וואז מיר אויז מיין אויגן
גֵין דיזן יוֹם כִּפּוּר אונ׳ נייג דיין אָהרן צו אלי
מייני תפלות וואז איך ווער טאן רבש״ע עז
זאל אלז בליא דיר אן גינומן זיין אז איך ארם
ווייב פייערל בת לאה זעלט פאר דיר האבן
י׳

גיבראכֿט איין קרבן אונ׳ מיט דיא הען וואז
מע מיר טוט הרוס שלאגן׳ זאלן מיר אלי מייני זינד פר
געבן ווערן׳ צו לעבן נייאן יאהר׳ וואז דא אהער
קומט אמן סלה



כל נדרי צו נאכט ווען דר חזן זאגט וְנִסְלַח׃
זאגט מן דאז

אֱלֹהַי מיין גאט׳ אלמעכטיגר פאטר
מיר נעמן דיך אן הײנט אונ׳ אלי
טאג׳ דז דוא ביזט אונזר קיניג אונ׳ איבר
אלי מַלְאָכִים אין הימל׳ דר דא זיצט אויף
דען שטוהל׳ דר דא הייסט רָם וְנִשָּׂא
מיט דעם מִדַּת הָרַחֲמִים׳ וויל הײנט דיא
גרוסי פורכטזמי נאכט איז׳ דיא דא הייסט

יום הכיפורים דר איז מכפר אויף אלי זינד
וויא דר פסוק שרייבט כי ביום הזה יכפר
עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם
לפני יי תטהרו. דאז איז טייטש דיזר
טאג איז צו פרגעבן אויף אייך צו רייניגן
פון אייערי זינד. דאז איהר פר גאט זאלט
ריין זיין. אויך איז היינט דר טאג. דאז דוא
האסט פר געבן אויף דען חטא פון עגל
וויא משה רבינו ע"ה האט געבעטן סלח
נא לעון העם הזה פרצייא דיא זינד פון
דעם עגל צו דעם פאלק. אונ' דוא האסט
איהם גענפרט סלחתי כדברך. איך
פרצייא זיא וויא דוא געבעטן האסט. אזו
זאלסטו מייני חטאים מוחל זיין. ער

מאג זיין בְּשׁוֹגֵג אבר בְּמֵזִיד אונ' זאז
מיך ניט גשטראפט ווערן ׳ אונ'. זאז מיך
זוֹכֶה זיין דז פון מיר זאלן אויז גין אונ' פון
מייני קינדר תַּלְמִידֵי חֲכָמִים זיא זאלן
מְפוֹרָשׁ זיין דיא תורה ׳ אונ' דר הייטי
גע טאג הייסט יוֹם מְיוּחָס איין ברימטר
טאג ׳ פון גאנצן יאהר ׳ דר טאג הייסט ׳
יוֹם רַחֲמִים ׳ איין דרבארמיגר טאג ׳ דער
זאל מיר בייא שטין אז מיין תפלה זאל
דר הערט ווערן ׳ אונ' אן גינומן פר דיין
כִּסֵּא הַכָּבוֹד אמן :

דאז זאגט מן יום כִּפּוּר בייא דר אנדרי עֲבוֹדָה

יהי רצון מלפניך יי' אהי' ואהי' אבותי

ער זאל זיין בווילוגט צו פאר דיר גאט' גאט
מייני עלטרן 'דוא גאלטט היינט יום כפור
מיין תפלה אן נעמן' אונ' גידענק וואז '
דוא אַבְרָהָם אָבִינוּ פרטפראכן האסט
וויא דוא האסט מיט איהם כּוֹרֵת בְּרִית
גוועזן' וויא ער גבעטן האט פר דיר 'רבש"ע
ווען דז בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וויר' שטין אונ' מייני
קינדר ווערן חוֹטֵא זיין' ווערסטו זיא מוֹחֵל
זיין' איהרי חַטָּאִים' אבר ווען דז בֵּית
הַמִּקְדָּשׁ וויר' חָרֵב ווערן' וואז ווערן מייני
קינדר יטרזט טאן' ווען זיא ווערן חוֹטֵא
זיין' וואו ווערן זיא נעמן איין מִזְבֵּחַ אבר
איין כהן גָּדוֹל 'האטטו איהם פרטפראכן
ווען מיר נור ווערן לייאנן זיא פָּרָשָׁה פון '

קָרְבָּנוֹת מיט כַּוָּנָה זאל עז זא פֿין זיין אזו
זיא העטן איין קרבן גיבראכט פֿר מיר / אזו
ביטן מיר דיך ברמהערציגר פֿאטר / געהע
אן אונזר זינד / אונ' הייסע ביטרע טרעקן
מיר זיין אזו וויא דיא יְתוֹמִים אָהני פֿאטר
אונ' וויא שאף אהני האלטר / מיר האבן קיין
מִזְבֵּחַ / קיין כֹּהֵן גָּדוֹל קיין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים
קיין מְנוֹרָה קיין שֻׁלְחָן / אזו ביטן מיר
דיך היינט אן דעם יום כִּיפּוּר / שטעהן מיר
מֵעֶרֶב עַד עֶרֶב אונ' זיין מִתְפַּלֵּל וויא
דיא מַלְאָכִים / ניקס עסין / ניקס טרינקן
וויא דיא מַלְאָכִים אין וייסי קליידר / מיר
געהן אהני שוך אזו וויא איין אָבֵל / נעם
פֿר דיר אונזר פּיין / עַד מָתַי / זיכר גאט

אונ׳ פאטר קיניג׳ ווערן מיר נאך אין גלות
זיין ׳ דיזא דיך שון איין מאל מְרַחֵם איבר
אונז ׳ ארמי קינדר ישראל אונ׳ העלף אונז
פון דיא גוים ׳ אונ׳ אונזר תפלה פון דיא
עֲבוֹדָה זאל זא פיל זיין אלז ווען דר כֹּהֵן
גָדוֹל אין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים העט גיבעטן
פר ישראל ׳ אונ׳ ווען מיר העטן אויף קָרְבָנוֹת
מַקְרִיב גיוועזן ׳ אונ׳ בויא באלד אונזר בֵּית
המקדש ׳ אזו ווערן מיר גוויס קרבנות
ברינגן ׳ פר דיין הייליגע שְׁכִינָה —
בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אמן



דאז זאגט מן בייא דר דריטע עבודה

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ יְיָ אֱלֹהַי וֵאלֹהֵי אֲבוֹתַי
דייא דיך מְרַחֵם איבר מיר אונ'
איבר מיין מאן אונ' קינדר' ליבר גאט נעם
פאר דיר וואז איך טוא ביטן' אונ' וואז איך
האב אין מייני גידאנקן' אזו וויא דָּוִד הַמֶּלֶךְ
ע"ה האט גבעטן אֲמָרַי הַאֲזִינָה יְיָ בִּינָה
הֲגִיגִי' פרנעם מייני כיז'פרוף מייני גע"
דאנקן' דיא איך אין מיינן זין האב' ליבר
פאטר אונ' קיניג' איצונד שטעהן מיר אין
דיין ליבע טוהל' אונ' דער שְׁלִיחַ צִבּוּר
שטיט פר דיר גאט' אזו זאל זיין דיא ריד
פון איהם נֶחֱשָׁב כְּצָג בְּאֵיתָן עז זאל ווערן
גירעכנט אזו ווען דר כֹּהֵן גָּדוֹל זעלט'
שטֵין פר דעם מִזְבֵּחַ דז ווירד גהייסן –

איתן אונ׳ מייני טרעכן זאלן זיין אלז וויא
דיא נסכים וואז מן האט מנסך גוועזן
אויף דעם מזבח יהיו לרצון אמרי פי
והגיון לבי לפניך יי צורי וגואלי אמן
דאז זאגט מן בייא דר פירטע עבודה
רבון כל העולמים הער פון דיא גאנצי
וועלט קיניג איבר אלי קראטייער
קיגן דיא הייליגע קרבנות וואז מן האט אין
בית המקדש מקריב גוועזן איז קיין זא
קרבן אזו חשוב גוועזן פון אנפאנג דער
וועלט ביז אונטר גאנג דער וועלט אלז וויא
דיז קרבן הקדוש וואז אברהם אבינו
ע״ה האט גיבראכט צו דער עקידה וואז
מיר מזכיר זיין אין אלי תפלות אונ׳ ווען
עז טאהן ניט גשטעהן איז׳ אבר זייני —

גידאנקן איז ניט אנדרשט גוועזן אז אים
אויפֿצו בראַכן פר איין עוֹלָה · אבר דורך דיא
תפלה פון דיא מַלְאָכִים וואז דיא גוויינט
האבן · האסטו דיך דערבארמט אונ האסט
בפוֹלן צו דעם הייליגן אַבְרָהָם דורך איין
מַלְאָךְ · אַל תִּשְׁלַח יָדְךָ אֶל הַנַּעַר דאז
זעלבסט האסט גיזאגט צו איהם דאז
קינדר
ווערסט איהם אונ' דייני זאז · אויף עוויג
גידענקן · נון ליבר גאט · זאלסטו היינט
פון אונז אן נעמן אונזרי גידאנקן אונ'
דיא עֲבוֹדוֹת · אונ' פרנעס אונז · וויא
דוא אברהם פרנוסן האסט · וויא ער
האט גיזאגט רבש״ע ווען מייני קינדר
ווערן קיין בית המקדש האבן · וואז

ווערן זיא טאן׳ ווען זיא ווערן חוטא זיין׳ אזו
האסטו איהם געאנטווארט׳ ווען זיא ווערן
מַזְכִּיר זיין דיא קָרְבָּנוֹת׳ ווירד עז זיא פֿיר
זיין׳ אלז זיא העטן קָרְבָּנוֹת גיבראכט/
אזו ליבר גאט׳ טונן מיר אונז פייניגן מיט
פֿינף עִינוּי נֶפֶשׁ׳ אונ׳ זיין מַזְכִּיר אלע
קָרְבָּנוֹת׳ תָּמִיד שֶׁל שַׁחַר׳ תָּמִיד שֶׁל
בֵּין הָעַרְבַּיִם׳ קָרְבַּן מוּסָף׳ דאז פַּר
וְאַיִל פון כֹּהֵן׳ אונ׳ פון יִשְׂרָאֵל׳ אונ׳ דאז
קְטוֹרֶת׳ וְסֵדֶר עֲבוֹדַת הַקּוֹדֶשׁ בְּיוֹם
הַכִּפּוּרִים׳ דאז האבן אלז גיטאן דיא
בְּנֵי אַהֲרֹן׳ אונ׳ פון בַּאמְאָן האבן מיר
נאך כֹּהֲנִים׳ אונ׳ אין דיזן זְכוּת זאלן מיר

זוֹכֶה זיין צו דאז בית המקדש זאל
גיבויט ווערן אין אונזרי טעגן׳ אונ׳ דייני
הייליגי שכינה זאל ווידר דרינן רואן
אונ׳ מיר זאלן ווידר קרבנות מַקְרִיב זיין אויף
דען מִזְבֵּחַ דורך דען כֹּהֵן גָדוֹל אמן ואמן

תחינה זי דר חַזָן נעילה אן היבן טוט

רבונו של עולם איבונז ליז דיא נאכט
אונ׳ דוא דיז לעבן אויז
טיילסט׳ אונ׳ דיא פַּרְנָסָה׳ אזו ביט איך
דיך ליבר גאט׳ שיק אונז דען מלאך
מַלְכִּיאֵל דר איז גיזעצט איבר אלי דיא
בריפן אונ׳ פְּסָקִים דיא דא אויז גיהן
פון בֵּית דין שֶׁלְמַעְלָה אונ׳ שיק אונז

צו תְּפִלַּת נְעִילָה דען מלאך גְּזַר דר טוט עפנט דיא טארן פון חַיִּים אונ׳ דר מלאך פון עֶזֶר׳ דר אויף מאכט דיא טיהרן אן יום כִּיפּוּר דא דיא ישראל שטעהן אונ׳ טהון תפלות ובקשות אונ׳ מיר דינן דיר׳ נאך מִנְחָה קומט איין רוּחַ וְאַוִּיר פון בֵּית דִּין של מַעְלָה׳ אונ׳ עפינט דיא טיהר׳ דא ווערן אויס גיטיילט דיא בריפלך וואס זיין גיחַתְּמִנִת ווארן ׳הֵן לַמָּוֶת וְהֵן לְחַיִּים׳ אזו זאגן מיר צו נְעִילָה פְּתַח לָנוּ שַׁעַר בְּעֵת נְעִילַת שַׁעַר כִּי פָּנָה יוֹם עפן אונז דאס טאר׳ ווען מן עז צו שליסן וויל׳ דען דר טאג גיט אוועק פון אונז׳ שַׁעֲרֵי שָׁמַיִם פְּתַח איהרי טארן עפינט איך צו דען גבעט פון ישראל׳ דיא איהר הערץ אונ׳ לייב פרגיסן׳

קיגן דיר' דען מיר טונין אלי מאל טרייטן
צו דיר' וויל דוא ביזט אונזר פאטר' דער דא
זיצט עַל כִּסֵּא רחמים' דר דאז אונזרי גרוסי
תְּפִלּוֹת דז מיר ווערן זאגן וְחָתְמֵנוּ לְחַיִּים
טוֹבִים' אונ' פרגיב אונזרי זינד' אזו מיר
האבן איין גאנצן טאג מיט וִידוּי צו דיר גטריש
אונ' מיר האבן אונז גפייניגט פון ראש חֹדֶש
תִּשְׁרֵי אן ביז היינטיגן נאכט' אזו בין איך זויטר
אנגסט אונ' ציטרניס' פר דיין הייליגן נאמן' אונ'
ביט דיך' קער דיך צו דען גיבעט פון אונז
ישראל' דיא דען שוֹפָר האבן גיהערט אן
ראש הַשָּׁנָה' אונ מיר רופן דיך אן צו איין
הילף' טוא אן נעמן אונזר תְּשׁוּבָה דען מיר
ישראל האבן אן גיהובן דיך צו איבל בעטן'

דוא זאלסט ניט פֿרשמעהן אונזר גיבעט ׳
אונ׳ מיר זאלן גניסן זכות אָבות עז זאל
אונז בייא שטעהן דר היינטיגר טאג
אונ׳ אַן דיא הייליגי טעג אמן
מן זאגט ווייטר מיט כַּוָנָה

שַׁעֲרֵי דְמָעוֹת

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ עז זאל דער דיין דר ווילן
צו פֿאר דיר גאט ׳ מיין גאט ׳ אונ׳ גאט
מייני עלטרן ׳ דוא זאלטט מיר פֿרגעבן
אַן מייני זינד ׳ וואז איך האב פֿר דיר חוטֵא
גוועזן ׳ פֿון מיין יוגענד אן ביז הייטיגן טאג

אונ' טוא מיך גירעניקן מיט מיין מאן אונ'
קינדר צו גוטן' ליבר גאט איך ביקען דז איך
האב גזינדיגט פר דיר' איך ביט דיך אנפאנג
מיך מיט גוטן ווילן' אונ' מאך מיך ריין פון מיי'
נע זינד' דיא זינד וואז איך גערן גטאן האב
אונ' וואז איך ניט גערן גיטאן האב' ליבר גאט'
איך וויס איך בין ניט ווערט צו ביט אויף מייני
זינד' אבר דוא גאט' בגערסט ניט דען טוט פון
מענטשן' ער זאל תשובה טאן' פרגיבסט דוא
איהם' דרום ליבר גאט דרבארם דיך איבר -
דען דר דיך לובן טוט' מיט ציטליכי לוב' גלובט
ביזטו גאט איבר אלי געטר' הער איבר אלי
הערן' איך זאל מיר האבן אויז גבעטן' איין גוט
יאהר' לאנג לעבן מיט גיזונד' אונ' פריד' גליק'

קיין צַעַר׳ צו טאן דיין ווילן מיט גאנצן הער׳
צען׳ אהני הינדרניס׳ מיין תפלה זאל קומן פר
דיין כִּסֵא הַכָּבוֹד אָהנִי אויפהאלטונג׳ דוא
זאלסט מיך רעכנין צווישן צַדִּיקִים וְצִדְקָנִיּוֹת
צו זיצן אין גַן עֵדֶן אָמֵן אָב הָרַחֲמִים דוא
דרבארמיגר פאטר דוא ווייסט וואול מייני
גידאנקן׳ אונ׳ פרבארגנע זאכן׳ וואז דא ליגן
אויף מיין הערץ׳ דער יֵצֶר הָרַע זיצט בייא
דען מענשן איהם אן צו רייצן צו בייזן׳ אבר
דוא בישט יוֹדֵעַ נִסְתָּרוֹת׳ דוא ווייסט אזוי
צו בראכני הערצר׳ דיא הערצר וואז פיל אין
זיך האבן׳ אונ׳ קענין פר קיינעם זאגן׳ אונ

פר דיר אליין ׳ דוא הייזט מיין זיפצן אין
מיין הערצן ׳ ליבר גאט ׳ ווערכר רוֹפֵא קאן
פרטֵטין אונ׳ וויסן מיין בטריבט הערץ ׳ אונ׳
ווערקאן מיר העלפן אלז דוא ׳ דוא העלפסט
אונ׳ נעמסט אן אונזר גיבעט ׳ דוא ביזט אין
פאטר דר יְתוֹמִים אונ׳ דר אוי אַלְמָנוֹת ׳ דוא —
קאנסט רייך מאכן ׳ אונ׳ דען שְׁפַל קאנסטו
דרהֵיכן ׳ דוא טוסט קיינען קיין אונרעכט
דוא גיבשט איטליכן זיין לון נאך זיין פרדינסט
נאך ׳ דוא האסט אויז אין דיין מאכט ׳ דרום
דוא ליבר גאט דרבארם דיך איבר מיר
אונ׳ לאז מיך ניט פאלין אין מייני מיטלע
יאהר ׳ בִּפְרַט אין מייני אלטי יאהר ׳ דאז

מיין פיינד זאלן קיין נְקָמָה האבן׳ דָוִד הַמֶלֶך:
האט גֿבעטן׳ גאט זאל איהם היטן פר פיינד
הענד׳ אז זיא קיין נקמה זאלן האבן׳
אונ׳ גיב מיר מיין ערנערונג בִמְלוּאָה
אונ׳ גיב מיר הַצְלָחָה אז איך זאל קענן
אויזפירן אָהכֿי זייטן הילף אונ׳ גאב׳
אונ׳ איך זאל דז הערץ האבן אַרמע לייט
צו העלפן אונ׳ צו טפייזן׳ זאז קיין צַעַר אן
אונז געשעהן ווערדן׳ אונ׳ ניט אן מיין קינדר
איך זאל זיא ניט ברויכן׳ אונ׳ זיא מיינר ניט׳ זאז
מיך גניסן פרנר פון עוֹלָם הַזֶה אונ׳ פון עולם
הַבָא׳ ליבר גאט ווש מן קיין גוטס טוט אויף
דיזא וועלט׳ קאן מן ניט האבן יענע וועלט׳

דיא וועלט איז גלייך אז ווען איינר זיך
אן בירייט אן עֶרֶב שַׁבָּת. זוא האט ער צו
עסין אן שבת. ווען מן זיך צו רעכט מאכט אן
פארהויז. קאן מן קומן אין פָּאלִיט פון מֶלֶךְ
דרום ליבר גאט. טוא מיין תפלה ניט פרשמעֿ
הען. אונ' טוא מיין הערץ ערפרייען. דען -
מייני וואונדן זיין אזו גרוס. דז איך זיא ניט
הערויז ריסן קאן. צו זאגן וויס איך זיא ניט.
אונ' צו בגערן דרויף סְלִיחָה בין איך ניכט
כְּדַאי. אבר דוא ליבר גאט. קאנסט מיר דאן
אן זעהן אן מיין בטריבט הערץ אז איך האב
חֲרָטָה. שטראף מיך ניט. דז מיין שׂוֹנֵא
קיין נְקָמָה זאל האבן. שטראף דען' דער

אונטר מיר גראבט ׳ ליבר גאט ׳ שפייז אונז
פון דיין מילדי האנד ׳ לאז מיך גניסן דען זְכוּת
פון אונזר מוטר חַנָּה וויא דוא זיא אין דז
בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אן גינומן האסט ׳ אונ׳
האסט איהר גיטאן איהר בגער ׳ אזו טוא
מיר אויך העלפן ׳ אונ׳ שטראף מיך ניכט
מיט דיין צארן ׳ ווען איך עז ח״ו טון ווערט
בין ׳ בית איך דיך ׳ גֵיא מיט מיר אום מיט
מִדַּת הָרַחֲמִים ׳ וויא יַעֲקֹב אָבִינוּ ע״ה
גיבעטן האט ׳ ווען זייני קינדר ווערן חַיָּב
זיין ׳ זאלסטו זיא גידענקן ׳ וואז ער האט
מיט זיא לוטגיטטאנבן פון איהר יוגענד
אן ביז אין איהר אַלטר ׳ אזו בית איך דיך

זאז מיך קיין צַעַר האבן פון מייני קינדר ׳
אונ׳ נעם אן מיין בעטן ׳ דען דוא בגערסט
דאז בעטן פון מענטשן ׳ אונ׳ דערבארמסט
דיך איבר איהם ׳ ליבר גאט זאז מיך ניט
פאלן אין איין מענטשן זיין האנד ׳ דען עז
איז קיין גרעסר צַעַר ׳ אלז ווען איין מענטש
דען אנדרן בדארף ׳ טוא מיך אונ׳ מיינע
קינדר שפייזן פון דיין האנד אין עוֹשֶׁר
וְכָבוֹד ׳ אונ׳ מייני קינדר זאלן עוֹסֵק זיין
אין דיין תורה ׳ ליבר גאט זאז אונז עַד־
מֵאָה שָׁנִים אונזר לעבן אויז פיהרן בְּכָבוֹד
אונ׳ ווען איך ווער זאלן שטערבן ׳ זאל קיין —
מְקַטְרֵג קיין מאכט האבן ׳ איבר מיין נְשָׁמָה


דיא זאלשט מיר שיקן מַלְאֲכֵי רַחֲמִים אונ׳
מיין חֵלֶק זאל זיין צווישן צִדְקָנִיּוֹת׳ ליבר
גאט פרשעהם מיך ניט מיט מיין גיבעט
דען דוא פֿרנעמסט אַזי צו בראכני הערצר
דרווייטר דיך ניכט׳ פון מיר׳ ווען איך אין
איין נוט בין׳ פרנעם מיך ווען איך דיך
רוף׳ ליבר גאט ווען איך עז ניט ווערט׳
בין׳ טוא עז וועגן זְכוּת אָבוֹת אונ׳ וועגן
דיא קינדר׳ דיא דא ניכט גיזינדיגט האבן
אונ׳ זאגן אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיה רַבָּה פון דען
וועגן שטיט דיא גאנצי וועלט׳ ליבר גאט
בהיט מיך פר מייני פֿיינד׳ אונ׳ [illegible] דיא קיין
נְקָמָה זאלן האבן׳ אונ׳ דז איך זאל חו״ ניט

צו אײן בָּשָׂר וָדָם מוגן כְּדֵי װערן פרנעס -
מיין תפלה װיא דוא האסט פרנוסן פון -
מייני עלטרן ׳ אונ׳ שפייז מיך דיין מילדי
האנד ׳ דען עז איז בעסר דז ביטרי בלאט
פון דיר ׳ אלז דז זיסט פון מענשן אונ׳ מְפַלְ
שֶׁכֵּן איך זינדיגר מענש ׳ ליבר גאט ׳ איך
קום פר דיר ׳ אונ׳ פַאל פר דיר ׳ אונ׳ האב
חֲרָטָה אויף מייני עֲבֵירוֹת אונ׳ הֵיב מייני
אויגן אויף צו דיר אום פרצייאונג ׳ אונ׳ טוא
װיינן אונ׳ טרייען ׳ פר דיר ׳ מיין הערץ טוט
קלאפן אין מיר ׳ פר מוֹרָא איך ביט דיך
זייא דיך מְרַחֵם איבר מיר ׳ זייא מיר
מוחל מייני זינד ׳ טוא אב דיין הערץ
פון דיא װאז קיין תְּשׁוּבָה טוען ׳ אונ זייג

דיך צו דיא וואז דיך ביטן טואן ׳ גיא מיט –
אונז אום מיט רַחֲמִים וויא דיין מִדָּה איזט
ליבר גאט ׳ וויא לאנג ווערסטו נאך צירנן איבר
אונז אלז מיר מוזן נאך אין גָּלוּת זיין ׳ אונ׳ מוזן
ליידן צָרוֹת פון דיא גוֹיִם ׳ מיר זיין וויא רוזן
צווישן דיא דערנער ׳ מן שטעכט אונז אויף
אלי זייטן ׳ הֶעלף אונז בוויז דיין קראפט ׳ דען זיא
זאגן ׳ וואו איז אייער גאט ׳ לאז ער אייך העלפן
דרום ליבר גאט ׳ טוא אונז שין אויזליזן ׳ באלד
אין אונזרי טעגן ׳ אונ׳ לאזן דיא קינדר ניט
פר טריבן ווערן פון דיא עלטרן ׳ פאטר קיניג
פר גיב דיין פאלק איהרי זינד ׳ דען דוא ביזט
דרבארמיג ׳ אונ׳ פרנעמסט אלי גבעט ׳ אלז
וויא דוא האסט פרנומן דז קול פון דיא

עלטכן׳ דען דוא בישט בוֹחֵן לְבָבוֹת׳ ליבר
גאט׳ גיב מיר קראפט צו דינען דיר מיט גאנצן
הערצן׳ אונ׳ היט מיך ווייטר פון זינדן׳ שטאפף
דיא פיינר מיילר׳ דז זיא קיין בֵיז אויף מיר
רידן זאלן׳ מַלְאֲכֵי רַחֲמִים זאלן מיין תפלה
צו דיר ברינגן׳ אונ׳ גֵיא מיט מיר אום מיט
מִדַּת הָרַחֲמִים ניט מיט רוֹגֶז ח״ו איך פרגיס
מייני טרערן פר דיר וויל מיר קיינר העלפן קאן
וויא דוא׳ דוא בישט צַדִּיק וְיָשָׁר דוא ווייסט
אונזר יֵצֶר׳ וויל מיר איהם פאלגן׳ אבר דוא
ווייסט דאז מיר צו ניכטס גימַאכט זיין׳ מיר
קימן פון ערד׳ אונ׳ געהן ווידר צו ערד׳ אזו
דענק דָאך אן מיך אונז אזו פייניגן אונ׳
פרצייא אונז אונזרי זינד׳ גיב מיר מיין

לעבן אונ׳ געזונד אהני צַעַר אהני דְאָגות
אהני קינדר צַעַר · זִבר נאט · לאז מיך חו״ו
ניט ווידר מְגוּלְגָל ווערן · אויף דער וועלט
וויל איך העט ניט געהאלטן איין מִצְוָה · דען
איך בין נור איין שטינקידיגר טראפן אונ׳ דזא
אונ׳ דזא בשט איין מלך איבר אלי מְלָכִים
אונ׳ גוועלטיגסט איבר אוברשטי אונד
אוברשטי · אונ איך בקען · דאז דזא בשט
גאט · אונ׳ קיינר מעהר · איך ביט דיך דזא
זאלשט מיר ענפרן · ווען איך דיך רופען
ווער אונ׳ איך וויל זאגן אמן



ארץ ישראל תחינה

ווען נאך ניט איז בייא נעילה זאגט מן דיזע
תחינה

בשם יי אלהי ישראל יושב הכרובים ושמו אל שדי

דירבארם דיך איבר מיר אונ' הערע מיין
גיבעט ' אונ' גטרייא ' איך ביט דיך היינט
דען גאנצן טאג ' דוא זאלשט מיר פרגעבן
מייני זינד ' רַחֲמִים צַדִּיק הַיּוֹשֵׁב עַל
כִּסֵּא רַחֲמִים ' טוא אונז ריכטן מיט חֶסֶד
וְרַחֲמִים אונ' טוא אב דיין צארן פון
כל ישראל ' פר גיב מיר מייני זינד וויל

איך האב חַרָטָה האב׳ אונ׳ וויל עז נימר טאן
דרום ליבר גאט׳ דר הער מיין גיבעט צו גוטן
אונ׳ דרפרייא מיך׳ איך וויל דיך לובן אַל מיין
לעבטאג׳ רַחֲמִים צַדִּיק אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל דר הער
מיך׳ וויא דוא האסט דרהערט אונזרי עלטרן
אין איהרי נוט רבש״ע מיט דיין גרוסי בארמ״
קייט דרפרייא מיך׳ טוא דיין צארן אב פון מיר
דרהער מיך וויא דוא האסט דרהערט אונזר
מוטר חַנָה האסט איהר איין זון געבן דער
איז שמואל הַנָבִיא׳ פאטר קיניג׳ מיט
וואז איך דיך ביטן טוא׳ דאז זאלשטו מיר
געבן׳ איך זאל דרלעבן צו דרציהן בָנִים
זְכָרִים צו תורה צו חופה צו מַעֲשִׂים טוֹבִי׳
ליבר פאטר׳ מיר ווען דיך ביטן אימר אונ׳

עוויג׳ מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך
הוא׳ דאז ביסט גאט׳ דיך טוא איך אנרופן
דוא ביסט מיין העלפר׳ דוא גיבסט מיר מיין
נארונג׳ אונ׳ אז מיין בדערפנוס׳ דרהער מיין
תפלה׳ גיב מיר קראפט׳ דז איך דיר דינן
קאן מיט גאנצן הערצן׳ אונ׳ בהיט מיך אין
מיין אויז גאנג׳ אונ׳ איינגאנג׳ פון איצונד
ביז איביג׳ איך רוף קיין׳ אלז דיך אליין׳
פאטר קיניג׳ העלף מיר צו דען רעכטן וועג
צו גין׳ בהיט אונז פר אלין ביזן׳ דאז אונז
יעדן עקסטרי אויז לעבן אונזרי יאהרן׳
אין פרידן׳ אונ׳ דיא דיך מרחם איבר אונז
וויא איין פאטר איבר זיינן קינדר׳ ליבר גאט
בהיט מיך פאר טאנצ׳ פר פרעמדי גאב


פר גוֹים הענד׳ פר וואַסר׳ פר פייער׳ פר אומגהייער׳ פר מעסר אונ׳ טווערט׳ פר אַלי רוחות רָעוֹת׳ דען דוא טוֹשט היטן יעדן מענשן׳ אונ׳ ענפר מיר ווען איך דיך רופֿע אַלמעכטיגר גאָט נעם אָן פֿון מיר מיין — תשובה׳ תפלה׳ צדקה׳ אונ׳ היטע מיך פר דען שָׂטָן אונ׳ יֵצֶר הָרַע׳ דיא לאַזן אָן מיר ניט קענן גוועלטיגן׳ אונ׳ דיא לאַזן מיך ניט שעדיגן קענן׳ אָן איינס פֿון מייני צוויא הונדרט אונ׳ אַכט אונ׳ פִֿירציג גלידר׳ מאַך דיא פרזינקן אין דז טיפֿע מעהר׳ דז דיא מיין תפלה ניט לאַזן אויף הַאלטן׳ גיב מיר פרשטענדיגן זין׳ עפן מיר מיין הערץ צו דיינן דינסט׳ אונ׳ גיב מיר —

פארטפרעכר ׳ צו מיין גוט משפט זיאל
זאלן אויף מיר גוטס זאגן ׳ ליברגאט נעמן
מיין תפלה אן ׳ אלז וויא דוא האסט אנגנומן
דיא תפלה פון מְנַשֶּׁה מֶלֶךְ: האטשטו איין
לאך גמאכט ׳ אונטר דיין כִּסֵּא הַכָּבוֹד
אלז קיין מקטרג זאל דאהין קומן ׳ אונ דוא
האסט דיין תפלה אן גינומן ׳ אזו זאלסטו
מיין תפלה אויך אן נעמן ׳ אָהנִי הינדרניס
דיא מְקַטְרִיגִים ׳ טוא עז פון דיין הייליגן
נאמן וועגן ׳ דאז סיך ניט לער ווידרקערן
פון דיר ׳ דען דוא הערסט אלי דיא דיך
רופן ׳ אונ׳ פרגיב מיר מייני זינד ׳ דיא
איך אובוויסנד אונ׳ וויסענד גיטאן —

האב׳ לישועתך קויתי יי׳ צו דיינר היל"ף
האף איך יהי רצון לְפָנֶיךָ יְיָ אֱלֹהַי שֶׁתְּקַבֵּל
בְּרַחֲמִים וּבְרָצוֹן את תְּפִלָּתֵנוּ. עפין מיר
די טאר פון הימל׳ די טאר פין גַּן עֵדֶן
די טאר פין תשובה די טאר פון צֶדֶק
די טאר פון חֶסֶד די טאר פין חַיִּים אונ׳
פין שָׁלוֹם׳ הער מיין תפלה אז וויא דיא
גיהערט האסט פון אונזרי עלטרן אברהם
יצחק ויעקב׳ אין דיא שטאט בֵּית אֵל
אז דיא תפלה פון יוסף הַצַּדִּיק אין דר
תְּפִיסָה׳ אז דיא תפלה פון אונזר עלטרן
איך דען בם׳ אז דיא תפלה פון מֹשֶׁה
רַבֵּינוּ· אין חוֹרֵב אז דיא תפלה פון אַהֲרֹן

מיט דר פייער פַאן ׳ אוז דיא תפלה פון
פִּנְחָס צווישן דיא גמיינדע ׳ אוז די׳ תפלה
פון יְהוֹשֻׁעַ אין דר שטאט גִלְגָל אוז דיא
תפלה פון שְׁמוּאֵל הַנָבִיא אין דר שטאט
מִצְפָּה אוז דיא תפלה פון דָוִד הַמֶלֶךְ׃ אונ׳
זיין זון שְׁלֹמֹה אין יְרוּשָׁלַיִם אוז דיא
תפלה פון אֵלִיָהוּ׃ אויף דען בערג כַּרְמֶל
אוז דיא תפלה פון אֱלִישָׁע אין דיא שטאט
יְרֵחוֹ ׳ אוז דיא תפלה פון יוֹנָה הַנָבִיא וויא
ער וואר פרשלונגן אין פיש ׳ אוז דיא תפלה
פון חִזְקִיָהוּ׃ מֶלֶךְ יְהוּדָה אין זיין קראנקייט
אוז דיא תפלה פון חֲנַנְיָה מִישָׁאֵל וַעֲזַרְיָה
אין קאליך אובן ׳ אוז דיא תפלה פון -

דָנִיֵאל אין דיא לֵיבן גרוב ׳ אונ׳ דיא תפלה פון
מָרְדְכַי וְאֶסְתֵּר אונ׳ דיא תפלה פון –
עֶזְרָא סוֹפֵר אונ׳ אלי צַדִיקִים וְצִדְקָנִית
אזו זאלסטו אויך מיין תפלה הערן ׳ אונ׳
גיב פורכט אין מיין הערצן ׳ צו טאן גוטע
ווערק ׳ אונ׳ גיב מיר צו לייטזעליגקייט אונ׳
צו גינאד אין דייני אויגן ׳ אונ׳ זייא מיך –
מַצִיל פון גֵיהִינָם אונ׳ פון חִיבּוּט הַקֶבֶר
אונ׳ פון חֶבְלֵי מָשִׁיחַ אונ׳ זאלסט מיר
פרגעלטן אלז גוטז היינט אונ׳ אל מייני
טעג אמן סלה




ווען מן געהט דיא ערשטע נאכט אין
דער סֻכָּה זאגט מן דז

יְהִי רָצוֹן

עז זאל בוויליגט זיין צו פאר דיר גאט ׳
מיין גאט אונ׳ גאט מייני עלטרן דוא זאלסט
מאכן רואן דיין שְׁכִינָה צווישן אונז ׳ אונז
זאלסט אויז שפרייטן אין דעק מיטפריז
איבר אונז ׳ אין זכות דיא מִצְוָה סֻכָּה
וואז מיר מְקַיים זיין ׳ צו איינציגן דיין
הייליגן נאמן ׳ געלובט איז ער אונ׳ זיין שְׁכִינָה
מיט פורכט אונ׳ מיט ליבטאפט צו איינגן
דען שֵׁם יָהּ אונ׳ וָהּ מיט דען נאמן פון ׳

כל ישראל אונ׳ זו אומרינגלין דיך מיט זוויטר,,
קייט דיינר עהר וועלכי ריין אונ׳ הייליג איז
איבר איהרי קעפף׳ אוז איין אדלער טוט
ערוועקן זיין נעסט פון זייני קינדר׳ אונ׳ פון
דורט זאל גמערט ווערן דז לעבן פון דיין דינס׳
מייד פייערל בת לאה אונ׳ אום ווילן דען זכות
אזו איך פון מיין הויז אין דיא סוכה גיא ׀
נאך דיין מצוה זאל גירעכנט ווערן ׳אוז
איך מיך האב דרווייטרט פון יצר ׳אונ׳ טוא
מיך וואשן אונ׳ ריינגן פון מייני זינד ׳אונ׳
פון דיא איברטטי וואונונג זאלן מיין אהן
פרנעמן פיל ברכות ׳אונ׳ מיין ברוט זאל
גיגעבן ווערדן צו הונגריגע אונ׳ מיין וואסר
צו דורשטיגע ׳ אונ׳ גיב מיר זכות צו זיצן

אין טאטן דייני פליגל · אין דיא ליט ווען איך
ווער זעלן אבטייבן פון דיא וועלט · אונ׳ צו מיך
בטיצן פון טטראהם וואסר · אונ׳ פון רעגען
ווען דא ווערסט לאזן רעגנען אויף דיא גוים
אונ׳ דיא מצוה סוכה זאל מיר גירעכנט
ווערן · ווען איך העט זיא מקיים גווען מיט
אלי מצות וואז דאזו געהערן · אונ׳ טוא אונז
בגיטיגן דיא חתימה אונ׳ דיא אונז מזכה
זו זיין פילע טעג אויף דיא הייליגי ערד אין
הייליגן לאנד אונ׳ בית המקדש מיט דיין דינס׳
אונ׳ מיט דיין פורכט · גלובט בשטו גאט
אימר אונ׳ איביג ׃



אמן ואמן

ביא דען דוכנין ווען דיא כֹּהֲנִים זאגן
וְיִשְׁמְרֶךָ׳ וִיחֻנֶּךָּ אונ׳ שָׁלוֹם זאגט
מן דיזע תחינה מיט כַּוָּנָה

רבש״ע איך בין דיין אונ׳ מייני טרוים
זיין דיין׳ עז האט מיך געטרוימט
איין טרוים׳ אונ׳ איך וויים ניט וואז עז
בעדייט׳ אזו זאל דיין דרווילן זו פאר דיר
גוט זיין גוט׳ אונ׳ גוט מיין עלטרן׳ דאז
עז זאל זיין מיין טרוים אויף מיר אונ׳ אויף
כָּל יִשְׂרָאֵל זו גוטן׳ אונ׳ זו בעטשונג׳ עז זייא
דיא טרוים וואז מיך האט אויף אנדרי
גיטרוימט׳ אדר דיא טרוים וואז אנדרי האט
אויף מיך גיטרוימט׳ ווען דיא זיינן גוטע

טרייבטע׳ זאלסטו דיא שטארקן אונ פעסטיגן
אוני דיא זאלן אן מיר בשטעטיגט ווערן ׳ אלז וויא
דיא טרוים פון יוֹסֵף הַצַדִיק׃ אונ׳ ווען דיא איין
רְפוּאָה ברויכן׳ זאלסטו דיא היילען׳ אלז וויא
דוא האסט גהיילט חִזְקִיָהוּ׃ פון זיינער
קראנקייט ׳ אונ׳ מִרְיָם פון איהר צָרַעַת
אונ׳ נַעֲמָן פון זיין צָרַעַת אלז וויא דוא
האסט גהיילט דיא ביטרע וואסר פון מָרָה
דורך מֹשֶׁה רַבֵּינוּ׃ אונ׳ דיא וואסר פון
יְרִחוֹ דורך האנד אֱלִישָׁע הַנָבִיא׳ אונ׳
אזו וואול וויא דוא האסט פרקערט דיא
קְלָלָה פון בִּלְעָם הָרָשָׁע צו בְּרָכוֹת אזו
זאלסטו פערקערן אלי מייני חֲלוֹמוֹת צו

גוטע' אונ' טוא מיר בווייזן פון איינונד ביז איביג
אונ' מיר זאגן אמן

בייא שָׁלוֹם אין דוכנין זאגט מן דז

אַדִּיר בַּמָּרוֹם שטארקר אין הימל' דר דא
רואט מיט שטארקייט דוא
ביזט פְּרִיד' דיין נאמן איז פריד' עז זייא
דר ווילן 'דוא זאלסט אויף אונז טאן לעבן
אונ' בענטשונג' צו איין היטונג פון איביגן שָׁלוֹם

הושענה רבה

דאז ערשטע מאל הערום געהן זאגט מן

א) עוֹלָם חֶסֶד יִבָּנֶה דיא וועלט איז מיט
חֶסֶד גבויאט ווארדן

דז אנדרי מאל הרוט געהן

ב) לְךָ זְרוֹעַ עִם גְּבוּרָה תָּעֹז יָדְךָ תָּרוּם
יְמִינֶךָ צו דיר איז דר שטאקע ארם ׳ צוא
שטארקן דיין האנד ׳ אונ׳ דרהיבן דיין רעכטי

ג דאז דריטע מאל הרוט געהן

תִּתֵּן אֱמֶת לְיַעֲקֹב חֶסֶד לְאַבְרָהָם גיב דיא
ווארהייט צו יעקב ׳ אונ׳ גינאד צו אברהם =

ד) דאז פֿירדע מאל הרוט געהן

נְעִימוֹת בִּימִינְךָ נֶצַח איביג אט דיא לימוי־
קייט ביא דיינר רעכטי האנד

ה) דאז פינפטע מאל הרוט געהן

יְיָ אֲדוֹנֵינוּ מָה אַדִּיר שִׁמְךָ בְּכָל הָאָרֶץ אֲשֶׁר
תְּנָה הוֹדְךָ עַל הַשָּׁמָיִם גאט אונזר הער ווּיא גע־
שטארקט איז דיין נאמן ׳ דז דוא דיין טונהייט אויף

דען הימל גיגעבן האסט ׳

ו) דאז זעקסטע מאל הרום געהן ׳

צַדִּיק יְיָ בְּכָל דְּרָכָיו וְחָסִיד בְּכָל מַעֲשָׂיו׳ גאט איזט גירעכט אין אַל זיינע וועג׳ אונ׳ אין זיין ווערק איזט ער איין חָסִיד

ז) דאז זיבנטי מאל הרום געהן


לְךָ יְיָ הַגְּדֻלָּה וְהַגְּבוּרָה וְהַתִּפְאֶרֶת וְהַנֵּצַח וְהַהוֹד כִּי כֹל בַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ לְךָ יְיָ הַמַּמְלָכָה וְהַמִּתְנַשֵּׂא לְכֹל לְרֹאשׁ וְהָיָה יְיָ לְמֶלֶךְ עַל כָּל הָאָרֶץ בַּיּוֹם הַהוּא יִהְיֶה יְיָ אֶחָד וּשְׁמוֹ אֶחָד וּבְתוֹרָתְךָ כָּתוּב לֵאמֹר שְׁמַע יִשְׂרָאֵל יְיָ אֱלֹהֵינוּ יְיָ אֶחָד



נאך דעם אן טואן דיא הושענה זאגט מן דז

יְהִי רָצוֹן עז זאל זיין בווילִיגט צופר דיר
מיין גאט ' גאט מייני עלטרן ' דר
דא האט אויז ערוועהלט אן דיא נְבִיאִים אונד
און גוטע מִנְהָגִים דז דוא זאלסט מיט ערבאר"
מיגקייט עמפפאנגן אונזר תפלות וְהוֹשַׁעֲנוֹת
אונ' גידענק אונז דען זְכוּת פון דיא זיבן גוטע
גאנצי צַדִיקִים אונ' טוא אב דיא אייזרני מויער
וואז דא שטעהט צווישן אונז ' אונ' צווישן דיר ' אונ'
פרנעס אונזר גשרייא ' אונ' טוא אונז בגיטיגן
דיא חֲתִימָה אונ' חַתְמִין אונז בספר חַיִים טוֹבִי
אונ' דען היינטיגן טאג זאל ווערן גיגעבן פינף
שטארקונג ' דורך דאז שיטלען פון פינף צו

זאמן גיפלאָכטינע ערָבָה אונ׳ דוא זאָלסט
דרוועקן איין ליבטאפט׳ אונ׳ קוטן פון דיין מויל
אונ׳ זאָלסט צו דיין דיעסט מייך פייערן בת
לאה איין פרגעבונג גרייכן׳ אלז דוא מייני יאר
אונ טאג דרלענגרן זאָלסט׳ אונ׳ שפרייט אויז
דיין האנד צו עמפאנגן מיין תפלה׳ אונ׳ דיין
ליבן אוֹצָר זאָלסטו צו מיר עפנין אונ׳ צו כל
ישראל צו גוטן אונז פון דיין בעסטן׳ אלז אין
פסוק שטיט׳ ער זאל עפנין צו דיר דיין גאָט
דיין גוטן אוֹצָר דער הימל צו דיר געבן אל
דען רעגן׳ אין דיינר צייט אונ׳ צו בענטן אַל
דיא ווערק פון דייני הענד אמן ואמן



יהי רצון עז זאל זיין בוויליגט פר דיר גאט
גאט מיין גאט · אונ׳ גאט מייני עלטרן
אזו וואול אז איך איצונד האב מְקַיֵּים געוועזן דיא
מִצְוָה סוכה אזו זאל איך זוֹכֶה זיין איבר איין יאהר
צו זיצן אין דר סוכה פון לִוְיָתָן:

מזכיר נשמות

ווער קיין פאטר האט

יזכור גאט זאל גדענקן דיא נְשָׁמָה פון מיין
פאטר פִּנְחָס בֶּן   פון זיינט וועגן בין
איך מְנַדֵּר איין מַתָּנָה אין דר צְדָקָה · דורך
דיזן שְׂכַר זאל זיין נְשָׁמָה איין געבונדן זיין
אין דעם בונד דאז אֵיבִיגע לעבן · בייא דיא נְשָׁמ
פון אברהם יצחק יעקב שרה רבקה רחל לאו

אונ׳ נאך מיט אנדרי צַדִיקִים אונ׳ צִדְקָנִיּוֹת דיא
דא זיין אין גַן עֵדֶן וְנֹאמַר אָמֵן

ווער קיין מוטר האט

יזכור גאט זאל גידענקן דיא נְשָׁמָה פון
מיין פון איהר וועגן
בין איך מְנַדֵר איין מתנה אין דר צדקה
אונ׳ אום ווילן דען שְׂכַר זאל איהר נשמה
איינגיבונדן זיין ביא דען בונד דז איביגע
לעבן׳ אין בונד פון אברהם יצחק יעקב שרה
רבקה רחל לאה אונ׳ מיט נאך אנדרי צַדִיקִי׳
וְצִדְקָנִיּוֹת דיא דא זיין אין גן עֵדֶן ונאמר אמן

פר עלטר פאטר אונ׳ מוטר

יזכור גאט זאל גידענקן דיא נשמה פון מיין
עלטר פאטר אונ׳ פון מיין עלטר מוטר פון

מיין פעטר אונ׳ מומע ברידר אונ טוועסטר
אונ׳ דיא נשמות פון אלי מייני קְרוֹבִים עז
זייא פון פאטר אדר פון מוטר האלבן יעז זיי׳
זיא זיין אויף איהר בעט גישטארבן׳ אדר
זיא זיין וועגן קִידוּש הַשֵׁם אומגיבראכט
ווארדן׳ פון איהר״נט וועגן בין איך מְנַדֵר
אין דר צדקה אונ׳ פון וועגן דיזן שְׂכַר זאל
איהר נשמות איינגיבונדן זיין אין בונד דז
איביגי לעבן מיט דיא נשמות פון אברהם
יצחק יעקב שרה רבקה רחל לאה אונ׳
מיט נאך אנדרי צַדִיקִים וְצִדְקָנִיּוֹת דיא
דא זיין אין גן עֵדֶן ונאמר אמן

אָב הָרַחֲמִים דר בארמיגר פאטר דר דא
רואט אין הוכן הימל מיט זיינר

זאל ער גידענקן דיא פֿרומע צַדִיקִים דיא
רעכטפֿערטיגע אין דיא הייליגע קְהִלוֹת
וואז איהרע לייבר האבן איבר ענפֿרט וועגן
קִידוּש הַשֵׁם ׳ דיא דיר גלייבט וואָרן בייא
איהר לעבן אויך בייא איהרן טוט ׳ זיא וואָרן
גרינגר אלז איין אַדְלֶר אונ׳ שטארקר אלז איין לֵייב
צו טאן דיין ווילן גאט טוא זיא גידענקן מיט נאך
אנדרי צַדִיקִים אונ׳ טוא רעכנין איהר פֿר
אונזרי אויגן ווינ גשריבן שטעהט אין תּוֹרַת
מֹשֶׁה דר געטליכע מאן ׳ זעגט איהרע פֿעלקר
דען גאט ווירד רעכן דז בלוט פֿון זיינע קנעכט
אונ׳ דורך דיינע נְבִיאִים שטיט גשריבן ׳ ווען
איך ווער אונז לֵידִיג לאזן ׳ אבר איהר בלוט ווער

איך ניט לֵידִיג לאזן׳ וויל גאט רואט אין צִיוֹן אונ׳
אין תְּהִילִים שטיט גשריבן׳ ווארום זאגן דיא
גוֹיִם זאגן׳ וואו איזט אייער גאט׳ אזו לאז דאך
אונטר דיא גוֹיִם וויסן מאכן׳ דאז זא פר אונזרי
אויגן דז בלוט דייני קנעכט רעכנן ווירסט׳ אונ׳
נאך שטיט גשריבן׳ ווען גאט דז בלוט פָארשטן
ווירד׳ דא ווירד ער זיא גדענקן׳ דען ער פרגעסט
ניט דז גשרייא פון דעמוטיגע׳ אונ׳ נאך שטיט
גשריבן׳ ער ווירד ריכטן דיא גוֹיִם פולע טוטען
קערפר׳ ער ווירד דעם וואונדן׳ דר אין הויבט
איבר דז גרוסי לאנד איז׳ ער ווירד דעם׳ דער
אויז דר בָאך בלוט טרינקן טוט׳ דזהייסט׳ דער
וואז דז בלוט זויפן מאכט׳ ווירד ער וואוכן׳ אונ׳
דאדורך ווירד גאט זיין הויבט ערהובן ווערדן:

אֵל מָלֵא רַחֲמִים גאָט אַלמעכטיגר

דא בישט פול מיט

דרבארמיגקייט דוא זאָלשט דיך מְרַחֵם זיין

איבר דיא הייליגי נְשָׁמוֹת דיא איך היינט האב

מַזְכִּיר גווען׳ דוא זאָלסט דיא נעמן אונטר

דייני פליגל צו בשיצן דיא פון דיא מַלְאֲכֵי ׀

חַבָּלָה אונ׳ איהרי לייבר זאָלן רוען מיט מְנוּחָה

אין קֶבֶר אונ׳ עז זאָל אן דיא ניט שׁוֹלְט ׀

זיין קייני ווערמר אונ׳ מָאדן׳ אונ׳ עז זאָל אן דיא

מְקוּיָּם ווערן דר פסוק וְשָׁכַבְתָּ וְעָרְבָה שְׁנָתֶךָ

ווען דוא ווערסט שלופן׳ אזו ווירד דיין שלוף

געזיסט זיין אויף דיר׳ אונ׳ דוא זאָלסט צו דיא

גידענקן איהרי מַעֲשִׂים טוֹבִים וואז דיא -

האבן גיטאן בייא איהר לעבן אונ' גדענק
דיא ניט איהרי חַטָאִים ׳ הער פון דיא ׳
גאנצי וועלט גיב מיר דיא זְכִיָה ׳ דאז דיא
זאלן האבן רְשוּת ׳ מְלִיצִים יְשָרִים פר
מיר צו זיין ׳ אונ' פר מיין מאן אונ' קינדר
דז מיר זאלן אונזרי יאהר אויז לעבן ׳ מיט
פריידן ׳דז קיינר פון אונז קיין לייד דאז
האבן ׳ דען דוא ביזט מָלֵא רַחֲמִים אמן

לְשָלֹש רְגָלִים

מִי שֶבֵּירַךְ ווער דא האט גבענטשט
אברהם יצחק ויעקב

דר זאל מיך בענטשן פייערל בת לאה דאז איך
האב מְנַדֵר גוועזן אין דר צדקה פר דיא
רייני זעהלן וואז איך האב היינט מַזְכִּיר
גוועזן פון גאט וועגן׳ אונ׳ פון זיין הייליגע
תּוֹרָה וועגן אונ׳ פון היינט דען הייליגן טאג
וועגן׳ אום דען לוהן זאל הַקָבָּ״ה מיך היטען
אונ׳ בשערמן פון אלי ליידיגר אונ׳ פון אלי :
קראנקייטן׳ אונ׳ זאל בענטשן אונ׳ בגליקן
אין אלי אונזרי ווערק מיט כל ישראל
אונזרי ברידר אונ׳ מיר וועלן זאגן אמן

לְיָמִים נוֹרָאִים

מִי שֶׁבֵּירַךְ: ווער דא האט גיבענטשט :

אונזרי עלטרן אברהם יצחק יעקב דר זאל
מיר בענטשן פֿייערל בת לאה ווייל איך האב
מְנַדֵר אין דר צדקה גיוועזן אום דיא ריינע
נְשָמוֹת וואז מיר האבן הייבט מַזְכִּיר גיוועזן
פֿון הַשֵם יִתְבָּרֵךְ וועגן אונ׳ וועגן דיין תוֹרָה
וועגן אונ׳ וועגן דען הייטיגן הייליגן טאג -
אונ׳ אזו וואלען דיזען שְׂכַר זאל מיך
הַקָדוֹש בָּרוּךְ הוּא היטן פר אלין בֵּיזן
אונ׳ פר אלי קראנקהייטן אונ׳ פאר
אלי לייב אונ׳ ליידיגערס אונ׳ זאל מיך
פייערל בת לאה אונ׳ מיין מאן אונ׳
מייני קינדר אן טרייבן אונ׳ חַתְמִין
אין סֵפֶר חַיִים טוֹבִים היינט אן דיזן

הייליגען יום הַדִין אונ׳ גאט זאל שיקן איין
בעטשונג ׳אונ׳ מיר זאלן בגליקן אין אל אונזר
וועג׳ אונ׳ ווערקי מיט כָל יִשְרָאֵל אונזרי =
ברידר אונ׳ מיר ווען
זאגן אמן



תחינה על הפרנסה

אָנָא הָאֵל איך ביט דיך גאט דוא טוסט און בירייטן שפייז צו אלי בשעפ״נים · אויך גיבסטו קליידונג וואז דיא ברויכן אזו זאלסטו מיר אויך געבן ערנעהרונג בְּשׁוּפִי זער גרינג בְּכָבוֹד איין פרנסה פון פריד · אָהני צַעַר אונ׳ אָהני בּוּשָׁה אָהני לייטן גָאב אדר לייאונג זונדרן פון דיין טרייע מילדי האנד · גיב מיר מיין פַּרְנָסָה אז איך זאל קענין דייני מִצְוֹת האלטן דז אונזר הערץ זאל ריין זיין דיך צו דינן · אונ׳ מיר זאלן זוכה זיין צו זיצן איבר אונזר טיש · מיט פריד בְּנַחַת אז מיר אוֹרְחִים זאלן קענן זיצן האבן איבר אונזר טיש · אבר מיר זאלן ח״ו ניט קומן צו קיען

פרעמדן טיש בעטלין / אונ' מיר זאלן קענין
צְדָקָה געבן פון אונזר פַּרְנָסָה צו עֲנִיִים וואז
כָּשֵׁר זיין דז מיר אונזר צדקה זאלן גוט אן
לֵיגן / ניט חוץ צו גַּאֲוָה / זונדרן דירצו ליב אונ'
מיט גוטן ווילן ·
אלמעכטיגר גאט נון דאנקן מיר דיר אונ'
לובן דיך / דוא האסט
אונז ביז אהער געשפייזט פון דיין טרייע
האנד / אונ' האסט מיר פייערל בת לא אונ'
מיין מאן אונ' קינדר פיל נִסִים אונ' חֶסֶד געטאן
אזו זאלסטו אונז ווייטר חֶסֶד טאן / אונ' זאלסט
אונז שפייז אונ' פַּרְנָסָה געבן אָהני זָארג אונ'
דְאָגוֹת / מיר זאלן ניט ברויכן דארויף צו
וַוארטן / אונ' שיק אין אונזר הויז קיין לייד

קיין צַעַר קיין קראנקייט ביז מיר אונזרי
קינדר צו תורה דערציהן קענין אמן



דיא גרוסע ווידוי

אָשַׁמְתִּי איר האב גישולדיגט' איך
האב גיגעסן אונגוואשן' איך
האב ניט פאר אונ' נאך ברכה גימאכט'
איך האב גיגעסן זאכי זאכן וואז אָסור
זיין גוועזן'
בָּגַדְתִּי איך האב גיפעלשט אן דיר'
איך האב דייני מִצְוֹת ניכט
גיהאלטן' איך האב ניט רעכט נִדָּה גהאלטן
מיט אן רירן אן מיין מאן' איך האב מיר ניט

גיוואַטן פֿר חַלָה אונ׳ הַדְלָקָה

גָזַלְתִּי איך האב גירויבט איך בין טוּלִיג גיוועזן אונ׳ האב ניט גיבֿאהלט. איך האב מַסִיג גְבוּל גוועזן׳ איך האב מיינע חֲבֵרִים אין מַשָׂא וּמַתָּן שאַדן גיטאן איך האב דיא דֵיעָה גִיגַנְבֿת פֿון מיין חָבֵר דִבַּרְתִּי איך האב לעסטרונג גירעדט אונ׳ לָשׁוֹן הָרָע אונ׳ רְכִילוֹת׳ איך האב אין טיהל צווישן בַּאווינן אונ׳ לייאנין׳ גירעדט׳ מיט מיין חֲבֵרְתֶּה באדורך האב איך ניכטס נאך גיזאגט׳ איך האב אייכס מיט דעם מויל גירעדט אונ׳ אייכס מיט דעם הערץ׳ הֶעֱוִיתִי איך האב בייא טאג מיט מַאנס לייט גישטופט׳ אונ איך דיא שִׁדִּירת

לילית צו מיר קומן ביא נאכט אין גשטאלט נה
איין מאנס בילד׳ אונ׳ האט מיך פראוכרייניגט
איך האב אין באווינטן אויף אנדרי גאכן -
גדענקט אונ׳ האב אהני כונה גשאווינט
וְהִרְשַׁעְתִּי איך בין צו אזי זייט איין
רְשַׁעְתָּה גיוועזן
זַדְתִּי איך האב גמוטוויליגט נאך מיין
בְּיַ׳ הערץ׳ איך בין גוועזן איינע
פרעסרין אונ׳ איינע זויפרן׳ איך האב מיין
חֲבֵר זיין פָּנִים מְבַיֵּישׁ גוועזן פר פיל לייט
חָמַסְתִּי איך האב גרויבט׳ איך האב
גילוסט פרעמדע געטר׳ איך
האב נאך פרעמדי מאנסלייט גילוסט׳ איך

האב פר טוואַכט שַׁבָּת אונ׳ יום טוב איך האב פרטוועכט דען שם פון גאט׳
טִפַּלְתִּי שֶׁקֶר איך האב מיר צו פאלשי זייט בהעפט איך האב
גירעד שֶׁקֶר׳ איך האב בשע מַעֲשִׂים פון שלעכטי זייט גילערנט :
יָעַצְתִּי רָע איך האב זייט בשע עֵצָה געבן׳ דאדורך זיין זא׳
צו שאדן גיקומן׳
כִּזַּבְתִּי איך האב לוגן גיזאגט׳ איך בין איין רַגְזָן געווען׳ איך האב חֲנוּפָה
געטריבן׳ איך האב ניכט גיווערט ווען
איינר עֲבֵירָה גיטאן האט.

לַצְתִּי איך האב גיטפאט אויז דיא תּוֹרָה
אונ׳ אויז דיא מִצְוֹת אונ׳ אויז דיא וייט
מָרַדְתִּי איך האב ווידר גיטפעניגט ׳ איך
האב נְדָרִים גיטאן ׳ אבר ניט גהאלט
טען ׳דאדורך האב איך מייני קינ׳
דער פרזינדיגט ׳

נִאַצְתִּי איך האב דיך פיל מאל דרלירנט
איך האב גשוואָרן אונ׳ ניט גהאלטן
איך האב ניט נאך מיין פרמעגן
צדקה גיגעבן ׳ איך האב קיין
רַחֲמָנוּת איבר ארמי לייט גהאט
איך האב קיין עָנִי ניקס געליהן
סַרְתִּי איך בין אב גיקערט פון דיינע

מִצְוֹת איך האב מיך ניט גיהיט פר עֲבֵירוֹת

עָוִיתִי איך האב מיך פרקרימט ׳איך האב

פיל ווייט אונרעכט גיטאן ׳ איך האב גוויסט

דאז עז ניט רעכט איז׳ אונ׳ האב עז דאך

גיטאן ׳ צָרַרְתִּי איך האב מייני חֲבֵירִים

בעליידיגט׳ אונ׳ האב זיא

מְצַעֵר גוועזן ׳

קִשִּׁיתִי איך בין טיקיש גוועזן׳ ווען מיך

איינר צו גוטן גשטראפט האט ׳


האב איך עז ניט אן גינומן ׳זונדרן איך האב

איהם ביזע רייד גיגעבן׳

רָשַׁעְתִּי איך בין בֵּיז גוועזן צו גאט ׳ - -

אונד צו דיא לייט - - - - -

שִׁחַתְתִּי איך האבע פרדארבן׳ איך האבע
מיך איבר דאס אונגליק מיינעס
חַבֵר מְשַׁבֵּחַ גיוועזן׳ תִּעַבְתִּי איך בין איר
געגאנגען׳ איך האב אנדרי פערפיהרט צו
זינדיגען׳ וְאַתָּה צַדִּיק אונ׳ דוא אבר בישט
גֶרעכט׳ ווען דוא מיך שטראפן ווילסט, אזו
ליבר גאט בין איך מִתְוַדֶּה פר דיר׳ אונד
נעם אויף מיר גוטעש צו טאן׳ אונ׳ דוא זאלסט
מיר ניכטס גידענקן׳ אונ׳ גיב מיר איין גוט ו
הערץ צו דינען דיר׳ אונ׳ צו טאן וואז אין ד
דיינער הייליגע תּוֹרָה גשריבן איז׳ פון ־ ג
איצונד ביז איביג
אמן



די תחינה זאגט מן אויבן די בְּרָכָה מלכיות איבר בן שׁוֹפָר

אַתָּה מָלֵא רַחֲמִים שַׁדַּי צְבָאוֹת׳ דו דערבארמיגר גאט

דו גרוֹסֶער הֶער שאפטיגר גאט קיניג איבר אללע

קיניגן׳ טוה לוגן ווי דיא ישראל טוהן מכַוון זיין

מיט דעז שופר בלאזען אונד טוהן שאלין וועגן

(זיא) דיין כבוד וועגן׳ זא ט טוהין דר וועקין אלי

ישר אבות׳ טוטו ביטן פר ענקרע קינדר׳ דיא דא

זיין אין ביטרן גלות׳ לאז דר שופר פרטרייבן דען

שטן׳ אונד דעז מדת הדין לאז גוומר זיין דען

מדת הרחמים׳ לאז אמאל דיין פאלק ישראל

גניסן אייטל רחמים אונד לעז אונז אויז׳ אויז דען

ביטרן גלות׳ מיט גרוסי דרבארמיקייט׳ אונד וויא דן

איל הט אינזרא צאל אם דיא מוטטער ווערט זיך

פרייען ווען אין קרבן כייא דר עקידה איזט·

